די שלמות פון דער מענטש איז די מידות פון דער מענטש. אבער ס'איז אויך אזוויוי א ברייטערע שאלה פון וואס איז א גוטער מענטש. למשל אזא צדיק, בינוני, רשע, אזא גרויסע רשע וואס האט נישט קיין חלק לעולם הבא. שכר, דער שכר וואס מען באקומט האט זיך אויך א חלק, וואס איז געשען פון א מענטש ווען ער איז בשלימות וכו'. סאו שכר איז נאך א וועג פון אפשאצן א מענטש. רייט, אזוי ווי אסאך מאל זאגן מיר, א צדיק, ער באקומט די מערסטע שכר, ס'איז א סימן אדער א סיבה.

סאו איך מיין אז אין הלכות תשובה אין א געוויסע זין ברענגט ער ארויס די אלע פרטים פון ווער איז דער ריכטיגער מענטש, וויאזוי ווערט מען עס, וואספארא מין מענטש הייבט זיך נישט אן, דארף מען תשובה טון. נאכדעם אין פרק ג' רעדט ער דיך וועגן הלכות אפיקורסות, יא, ווער איז דער ערגסטער מענטש? פון דער ערגסטער מענטש ביז דער בעסטער מענטש. פון די... אפשר וועסטו זאגן, די אלע לעוועלס פון א מענטש.

## Speaker 2:

איך טראכט אפשר א נוסח, מ'קען זאגן תשובה איז תיקון המעשים, אבער ס'איז אויך תיקון הנפש. די טיפקייט פון תשובה איז תיקון הנפש. סאו דער רמב"ם בעצם אין דעם ספר רעדט פון תיקון המעשים, הייבט זיך נישט אן, דאס איז די מצוה פון תשובה טון, די פשוט'ע פשט פון תשובה. און נאכדעם איז דא די טיפערע מינוט פון תשובה, וואס איז תיקון הנפש, וויאזוי מ'ווערט א בעסערער מענטש, און וואס איז די תכלית, וואס איז די ענד פון דעם בעסערן מענטש.

## Speaker 1:

און בחירה האט צו טון מיט דעם? בחירה איז דאך נאר הקדמה פון שכר ועונש.

## Speaker 2:

יא, ס'איז בחירה איז נאר הקדמה פון שכר ועונש. מענטשן האבן ליב צו רעדן וועגן בחירה, און די יסודות איז נישט אזוי וויכטיג. און וועגן דעם איז די לעצטע פרק וועגן עובד מאהבה ומיראה, און מ'זאל מחנך זיין צו תורה לשמה. רייט, דאס איז אויך א חלק פון תיקון הנפש.

## Speaker 1:

דאס איז שכר, דאס איז די ענד פון די שכר.

## Speaker 2:

יא. לאמיר זאגן, א חלק השכר מה שנוגע לגבי עבודה, נישט שכר מופשט'דיג וואס שכר איז, נאר וויאזוי דאס דארף משפיע זיין אויף א מענטש'ס עבודת השם. די גאנצע נוסח פון שכר ועונש, זיכער לויט'ן רמב"ם, איז דאס, נישט צו שטאמען וויפיל ווילעס זענען דא אין גן עדן.

## Speaker 1:

יא, ס'איז דא זייטיגע זאכן, די ענד איז ממש דירעקט. ער זאגט וואס שכר איז, אבער צו זאגן וואס שכר איז, צו וואס מיר ווילן טון, וויאזוי די עבודת השם זאל זיין אנדערש נאכ'ן אריינגעמען אין באטראכט די ענין פון שכר. רייט, רייט. סאו ס'איז מסביר, ער זאגט שכר איז א הקדמה צו דעם. מ'קען זאגן אן אנדער וועג פון זאגן שכר, וואלט געוועז צו זאגן די תכלית. וואס איז די גאל, וואס איז די ענד, וואס איז די מטרה פון זיין א מענטש? די מטרה איז די שכר. און נשמה מיינט עס א חקל, אונז זענען מיר ריכטיג די מטרה. פארשטיין, וואס איז די מטרה פון פון אלעס? יא.

אקעי, מ'וועט זיך זען אינעווייניג מער, אבער דאס איז דאס איז מיין הקדמה פאר דער קראפט.

**תשובה אלס כלל הנוגע לכל המצוות**

אבער תשובה אליין איז אויך א תנאי, ווייל תשובה איז נוגע לגבי יעדע מצוה. ס'טייטש, ווייל אזוי ווי אין יעדע מצוה זאגט מען, ביי די מצוה קען מען געבן מלקות. אויב דער רמב"ם וואלט נישט געמאכט קיין הלכות תשובה, וואלט דער רמב"ם געדארפט ביי יעדע מצוה זאגן, און אויב מ'וויל תשובה טון פון די מצוה זאל מען פאסטן אזויפיל און אזויפיל און טון אזוי און אזוי. הלכות תשובה איז זייער כללות'דיג אויף כל התורה כולה. יעדע מצוה פאלט מען אמאל דורך, און מ'דארף אויף דעם תשובה טון. און מיט די בחינה איז עס א יסוד.

## Speaker 2:

אבער אנדערע מחברים גייען נישט אזוי. אנדערע מחברים למשל מאכן כללים פון כללי המצוות, אזוי ווי למשל, כללים פון אלע עונשים, כללים פון איך ווייס, נשים עבדים וקטנים זייערע אלע חיובים. דער רמב"ם האט עס אריינגעווארפן דא און דארט, אבער איך זאג, תשובה איז אויך א כלל אין אלע מצוות.

## Speaker 1:

יא, אמת. איך זאג, מיט די בחינה איז עס נאך א יסוד. דעמאלטס וואלט עס אריינגעפאסט מער אין אזוי ווי הלכות עונשים.

## Speaker 2:

יא, האסטו דאך הלכות סנהדרין ועונשין, וואו מ'באקומט מלקות.

## Speaker 1:

די יענע כללים שטייט אריין ביי אים אין אנדערע פלעצער. ער קוקט נישט אן אז יענץ איז כללים פון מצוות. כללים ביי די רמב"ם מיינט זאכן... ער רעכנט דאך אויס איבעראל וואו מ'באקומט מלקות.

## Speaker 2:

יא, אבער דאס איז די הלכה פון יעדע מצוה.

## Speaker 1:

דאס איז די הלכה פון יעדע מצוה, נישט פשוט כללים. כללי המצוות. ער זאגט נישט א כלל, יעדער לאו באקומט מלקות. יעדע מצוה זאגט ער וואס איז די דין פון די מצוה.

## Speaker 2:

אקעי, אפשר איז אנדערש. הלכות סנהדרין איז ווי די דין אויף די בית דין אז זיי דארפן געבן מלקות, וויאזוי דאס ארבעט.

## Speaker 1:

יא, ס'איז אמת. אבער אפילו אזוי איז עס אויך מער כללות'דיג אז די תשובה... אידישקייט קען נישט לעבן אן תשובה. ס'איז איינע פון די בעיסיק זאכן פון אידישקייט. און ס'איז, מ'קען אפילו זאגן אויף די מענטשן. א מענטש מיט מצוות, יא? א מענטש איז נישט די טייפ פון מענטש, דו קענסט אים איינמאל הייסן און ס'איז פערטיג. א מענטש איז די טייפ פון זאך וואס מ'זאגט אים, און נאכדעם זאגט מען אים ער זאל תשובה טון, און כל ימי חייו.

אקעי. פיין.

**דיסקוסיע: "נגררים ממנה בגללה" — כפל לשון אדער צוויי שיטכן?**

סאו ס'איז דא איין מצוה, און אה, אונז האבן מיר גערעדט וועגן די נושא פון וידוי שוין, האבן מיר זיך שוין געשלאגן וועגן דעם. ס'איז דא אנדערע נוסחאות וועגן דעם. אפשר קומען מיר אריין לערנען אין א דיוק אין דיווארט "נגררים ממנה בגללה"? "נגררים ממנה" מיינט ער די עצם זאכן וואס האט אזוי ווי לאמיר זאגן שכר ועונש, און בגלל זה קומט שוין מיט בחירה. איך ווייס נישט, איך האב געטראכט, ס'איז אביסל אן עקסטערע לשון, אביסל א רבי לשון.

## Speaker 2:

יא, אקעי.

## Speaker 1:

אמת, אבער I don't know, סאמטיים זאגט מען...

## Speaker 2:

די גמרא האט זיך גענוג.

## Speaker 1:

אמת, אמת. סאמטיים זאגט מען אין חדר, מען זאגט צוויי מאל די זעלבע ווארט ווייל מענטשן זאלן זיין קלאר און פשוט.

## Speaker 2:

יא, אקעי, זייער גוט.

**די מצוה פון תשובה: וואס איז דער עיקר?**

**מחלוקת הראשונים: צי תשובה אליין איז א מצוה מן התורה**

## Speaker 1:

דער רמב"ם זאגט אז די מצוה איז מ'זאל תשובה טון און מ'זאל מתוודה זיין, יא? ס'איז געווען אנדערע צדיקים, דער ספר החינוך, וואס האבן געזאגט אז וואס? ס'איז געווען וואס האבן געזאגט אז דער רמב"ם מיינט צו זאגן אז תשובה אליין, ס'איז א מחלוקת צו תשובה איז א מצוה וואס שטייט אין די תורה, יא? לכאורה דער רמב"ם לערנט אז יא. וועלכע מצוה רעכנט ער אויס? דער רמב"ם רעכנט אויס א גרויסע מצוה, ווען ער ברענגט די פסוק.

ס'איז דא וואס זאגן אז דער רמב"ם לערנט אפשר אז די מצוה איז אז דער אופן וויאזוי מ'טוט תשובה, ס'איז תשובה, נישט דווקא מצות עשה. ס'איז אביסל גרעסער, ס'איז אזויווי למשל די מצוה פון אמונה. ס'איז דא וואס זאגן אז דער רמב"ם לערנט אז אמונה איז אויך א מצוה. אקעי, די וואס לערנען אז אמונה איז נישט קיין מצוה, וואלטן אפשר געזאגט אז תשובה איז נישט קיין מצוה, ווייל דאס איז א תנאי פאר אלע מצוות. און בכלל, ס'איז אזא מוסר'דיגע זאך, ס'איז נישט ממש א חיוב אז מ'זאל תשובה טון. ווייל אויב מ'האט נישט געזינדיגט, דארף מען נישט תשובה טון. מ'קען דאך עובר זיין אויף אן עבירה.

איין זאך, מ'קען אויך פרעגן פארקערט, אויב ס'איז דא א מצוה, דארף מען נישט תשובה טון? איך מיין, די מצוה איז נישט, די צווייטע טאג איז שוין נישטא די מצוה? מ'ווערט פטור ווייל מ'האט איינמאל געזינדיגט?

**שיטת ספר החינוך: די מצוה איז דער אופן פון תשובה מיט וידוי**

סאו ס'איז דא וואס ווילן זאגן אז די מצוה איז אז ווען מ'טוט תשובה, זאל מען עס טון באותו אופן מיט וידוי. אז תשובה זאל האבן א געוויסע וועג. ווייל ווען תשובה וואלט געווען, אזויווי דו זאגסט, ווען די מצוה פון תשובה וואלט געווען אוטאמאטיש, מ'פארשטייט אז א מענטש איז אייביג מחויב אין אלע מצוות. אויב האט ער נעגלעקטעד א מצוה, דארף ער תשובה טון, און דאס איז א חלק פון די מצוה. די אריגינעלע, למשל, מ'דארף גיין ציצית, און א מענטש איז נישט געגאנגען ציצית, איז נישטא קיין נייע מצוה פון תשובה טון, נאר דער חיוב פון ציצית זאגט אים, זונטאג, מאנטאג וואס דו ביסט נישט געגאנגען ציצית, דער חיוב ציצית זאגט דיר דינסטאג אז דו זאלסט תשובה טון און יא גיין ציצית.

לויט די שיטה וואלטן זיי געזאגט, סאו ווי קומט יא אריין די מצוה פון תשובה? אז ווען דו טוסט תשובה דינסטאג און דו הייבסט אן לייגן ציצית, פאר דו לייגסט ציצית זאלסטו זאגן "איך טו תשובה אויף דעם וואס איך האב נישט געלייגט ציצית די לעצטע פאר טעג", און מ'זאל זאגן וידוי, און נאכדעם לייגן ציצית. אזוי איז דא וואס לערנען.

**שיטת הרמב"ם: תשובה גופא איז א מצוה**

אבער איך מיין ס'איז נישט אזוי, ס'איז לאו דווקא, ווייל דער רמב"ם האלט סתם אז די גאנצע תשובה איז א מצוה, אז יעדע מאל ווען א מענטש האט געזינדיגט און ער טוט תשובה. מ'קען עס פארשטיין גראדע, ווייל תשובה איז נאך א זאך. נאכדעם וואס א מענטש האט געזינדיגט, סתם לאמיר זאגן אין ציצית, ס'איז א מצוה צו לייגן ציצית, וואס מיינט, ס'איז א טרחה און מ'דארף אנטון ציצית. אבער די זאך וואס מ'האט פאר אפאר טעג נישט געטון, פאדערט מער פון דעם. ס'פאדערט עפעס א געוויסע קארעדזש פון דעם מענטש, ס'פאדערט א געוויסע התבוננות, ס'פאדערט א געוויסע וואלנעראביליטי, ס'פאדערט נייע כוחות הנפש אז מ'זאל יא טון תשובה. פון דער בחינה איז עס א נייע מצוה. לכאורה האלט דער רמב"ם אז די מצוה פון תשובה איז א מצוה, און ווי איז וואויל, איז נאך א תנאי אין די מצוות. ס'איז אן אופן מסיעס א מצוה.

**סברא: תשובה אלס אמונה**

**Speaker 2:** איך וואלט געזאגט, הייסט, רעלאטיוו צו וואס דו האסט געזאגט קודם, איך טראכט אז ס'קען זיין די עיקר, אז דער רמב"ם האט נישט קיין פראבלעם אז אמונה זאל זיין א מצוה. קען זיין אז תשובה, די מצוה פון תשובה איז די אמונה אז דער אייבערשטער איז מוחל, אדער אז מ'קען, ווי דו האסט געזאגט א פאר מאל, אז מ'קען צוריק ווערן נאנט, צוריק ווערן א מענטש. ס'איז דאך צוגעקומען די נוסח פון תיקון הנפש. תשובה איז נישט נאר אז דו לייגסט ציצית נאכאמאל, נאר דו ביסט געווארן אן אנדערע סארט מענטש וואס גייט ציצית, און איך בין ארויסגעווארן פון דעם מענטש. סאו תשובה זאגט אז מ'קען צוריק ווערן יענער מענטש. אבער דעמאלטס וואלסטו געזאגט אז אפילו איינער וואס טוט נישט תשובה, אבער ער גלייבט אין תשובה, איז שוין די מצוה פון תשובה. די מצוה פון תשובה איז "להאמין שאפשר לעשות תשובה".

**Speaker 1:** אבער דאס איז שוין די אמונה. די עצם אמונה קען זיין.

**Speaker 2:** איך גלייב, אבער איך... איינער גלייבט אין די כח התשובה און ער טוט נישט תשובה, מיט וואס גלייבט ער?

**Speaker 1:** איך מיין אז זייער גוט. אקעי, יא, איך ווייס, די אמונה איז אויך אז מ'גלייבט. דו מיינסט אז א איד, אמונה מיינט זיך אויפפירן ווי איינער וואס גלייבט. אקעי, איך האב נישט געזאגט אזוי ווייט אז די מצוה איז נאר צו גלייבן. איך זאג אז דו פרעגסט די קשיא, וואס איז די חידוש פון די מצוה פון תשובה? פארוואס זאל מען נישט זאגן אז די מצוה פון תשובה איז א מצוה עשה? אדרבה, אזוי האבן געזאגט אנדערע ראשונים, אזוי האבן געזאגט אנדערע מוני מצוות. און דאס איז שוין פאראנטפערט געווארן.

**דער רמב"ם'ס פסוקים: פארוואס "והתודה" און נישט "ושבת עד ה'"**

איך טראכט אויך אז די סיבה פארוואס די אנדערע ראשונים, אנדערע מוני מצוות, האבן בכלל נישט גערעכנט מצוות תשובה פאר א מצוה, איז געווען אנדערש ווי דער רמב"ן. זיי האבן געהאט אנדערע פסוקים ווי דער רמב"ם. מ'גייט זען וועלכע פסוקים דער רמב"ם ברענגט. דער רמב"ם האט געלערנט, דער רמב"ם האט דאך ליב פסוקים וואס זענען פיזיש, וואס זאגן עפעס. דער רמב"ם אליין ענטפערט אז ס'איז א קיום מצוה, אזוי ווי "ושננתם לבניך". יא, ס'שטייט "ושבת עד ה' אלקיך" וכו'. אבער דער רמב"ם ברענגט נישט יענע פסוקים.

און איך מיין אז די סיבה איז ווייל דער רמב"ם פארשטייט אזוי ווי דער רמב"ן, אביסל אין אנדערע וועגן, אז "ושבת" - דער רמב"ם ברענגט עס שפעטער אז ס'איז א הבטחה. "ושבת עד ה' אלקיך" איז זייער א כללות'דיגע לשון. ס'מיינט נישט די מצוה פון תשובה, ס'מיינט צוריקקערן צו די אייבערשטער. אויך דער רמב"ם אליינס ברענגט יענעם פסוק ביי די הבטחות. ער זאגט אז אין סוף וועט מען צוריקקומען מיט תשובה טון, אין סוף הגלות וכו'. ס'איז נישט ממש א מצוה.

וואו איז דא א מצוה? א מצוה איז דאס וואס שטייט **"והתודה"**. ווייל דאס איז א דבר מעשי. דער רמב"ם האט אבער פארשטאנען, אזוי ווי ער גייט זאגן אין פרק א', וואס הייסט "והתודה"? "והתודה" מיינט דאך נישט אז מ'זאל סתם זאגן "איך האב געזינדיגט" און נישט אויפהערן צו זינדיגן. ס'איז א חלק פון חרטה. די תורה זאגט "והתודה", און משמע אז די תורה זאגט מ'זאל תשובה טון. אבער וויבאלד די תורה זאגט "והתודה", מיינט עס אז די עיקר פון די מצוה פון תשובה איז די נושא פון וידוי, אבער די משמעות פון וידוי איז תשובה טון. סאו, ס'איז בעצם די זעלבע זאך.

**דיסקוסיע: צי וידוי איז מעכב די תשובה**

**Speaker 2:** נישט פשט אז מ'דארף אפילו די אנדערע ענטפערן פרעגן אזוי ווי לויט די מחבר ספר החינוך, לויט די אנדערע פשט, אויב איינער טוט תשובה און ער זאגט נישט וידוי, איז ער בכלל נישט יוצא די מצוה פון תשובה.

**Speaker 1:** איך גלייב נישט אזוי. אריגינעל, די וידוי פון וואס דער פסוק רעדט דארטן איז א חלק פון קרבן, ניין? ס'איז דאך "איש או אשה".

**Speaker 2:** יא, מיט זדון.

**Speaker 1:** אבער א מענטש וואס ברענגט א קרבן ווייל ער האט געזינדיגט, ער האט דאך אסאך מער געטון תשובה. ער האט עפעס געטון, ער האט אוועקגעגעבן עפעס פון זיך, ער האט חרטה און ער ברענגט א קרבן. דער רמב"ם גייט טרייען צו פרוואון פון דעם אז ס'מיינט תשובה טון באופן כללי, אפילו אן א קרבן. אבער איך זאג, דו זאגסט אז לויט מיר איז מען יוצא די רמב"ם'ס מצות תשובה אפילו מ'טוט נישט תשובה. און לויט די אנדערע פשט, לויט די ספר החינוך, איך מיין ער זאגט אזא פשט, איז אויב איינער טוט תשובה און ער זאגט נישט וידוי, איז ער נישט יוצא די מצוה פון תשובה. ס'איז דאך אויך זייער פאני. תשובה מיינט דאך בעיקר אז מ'זאל ווערן בעסער. ס'איז אמת אז ס'איז דא א דין אז מ'זאל זאגן וידוי, אבער ער האט נישט געטון תשובה לויט די כללי התשובה.

**Speaker 2:** I don't think that's correct. איך מיין, איך וואלט געמיינט אז אויב איינער זאגט נישט קיין וידוי און ער ווערט בעסער... וידוי איז לכאורה אן עצה, און אזוי ווי אזוי ווערט מען בעסער?

**Speaker 1:** איך האב טאקע א פראבלעם, א מענטש איז נישט נכנע געווארן, ער ווערט דאך טאקע אביסל... ווי אזוי שטייט "נעשה כהיתר". וידוי איז לכאורה אן עצה, אזוי ווי א קרבן איז אן עצה. איך בין זיכער אז אויב איינער האט פארגעסן, ער ווייסט נישט פון דעם אז מ'דארף זאגן וידוי, אז עס העלפט זיין תשובה אויך. איך קען זאגן אז דערוויל, ווען א מענטש זאגט נישט וידוי, איז פשט אז ער איז נישט גרייט און נישט באמת מכניע. אויב דו וועסט טרעפן א סארט מענטש וואס ביי אים, ער האט אזא מין כח הנפש אז ער דארף נישט וידוי פאר תשובה, איז עס נישט די זאך אזוי שטארק.

און מ'גייט זען יום כיפור, און עס איז א מין תנאי, און עס דארף א נאמען וואס זענען נישט מעכב. פאר מ'ברענגט א קרבן, דארף מען מאכן סמיכה, און אויב מ'האט נישט געמאכט סמיכה, איך ווייס נישט, איך דערמאן זיך נישט יענע הלכה, אבער אפילו נישט לויט די מחות חינוך.

**Speaker 2:** אבער דאס איז ווייל "חטאתי עויתי פשעתי לפניך" בווידוי פה. מ'האט געזאגט וידוי אן און זינעווען. נאכדעם, ה'זאגט וידוי אויף יענץ, און וואס מיינט נישט יענץ ערנסט ווערט א גרייסע פלאן.

**Speaker 1:** אקעי, שוין. לאמיר לערנען. דאס איז די איז אויף-פילעט מ'פרענגט דרייען די מצוות.

**הלכה א': מצות הוידוי**

אבער זייער גוט, ער ערשטער אילף פון די רבי מרחת תשובה, דער עצם מצוות תשובה, דער עיקר מצוות תשובה, זאגט דער רבי, **כל המצוות שבתורה בין עשה בין לא תעשה. אם עבר אדם על אחת מהן, בין בזדון בין בשגגה, כשיעשה תשובה וישוב מחטאו חייב להתוודות לפני האל ברוך הוא.**

#### דיסקוסיע: וואס מיינט "שגגה"

**Speaker 2:** וואס פשטאט משגגל דא, איז אויף משגגל דארט מען אויף תשובה טון. וואס מיינט עס? מען האט נישט געוואוסט אז זיין תשבת, אדער ער האט נישט געדענקט אז עס איז אין מצוה, און ער האט א אונגעוואויסע זילזל.

**Speaker 1:** אה, זיי דערעיות פון די קרבן. ער רעדט נישט דא אונות, ער זאגט נישט דא אונות.

**Speaker 2:** רייטש, גגל מיינט אז איך האב נישט... ער האט נישט געוואוסט א מין נגלעקט. און די שוי זעט וואס מיר וואלט געמעגט יא, וויסן. מאכן א שוגק איז א שטיקל עוולה.

**Speaker 1:** יא. דא, איז נאך טאקע, אזוי, ווען... זען, ביי קליינע קינדער קען מען נעמען שוגק. און ביין אדאלט איז כמעט נישט דא שוגק. עס איז געוועז, עס איז פארגעסן אז עס טאן נישט זיין א חיה רע, און ער האט פארגעסן אנצוצינדן שבת ליכט. שוגג איז אזויוי מ'זאגט אין הלכות שבת, מ'זעט די הלכות שוגג איז ביזן קבר. געוועגליך שוגג איז אביסל מער א נעגלעקט. ס'איז נישט דא, אבער למעשה איז עס א סארט...

**Speaker 2:** אקעי.

#### די לשון "וישוב מחטאו"

**Speaker 1:** איז אזוי, זאגט דער רמב"ם, **כיצד עושה תשובה? וישוב מחטאו.** וועז ער טוט תשובה, און ער קומט צוריק פון זיין חטא. דער רמב"ם, די לשון "תשובה" מיינט אז ער האט אין דעם די איידיע אז א מענטש איז ביי נייטשער, די נשמה איז א חלק אלוקה ממעל, קומט צוריק. אדער כאילו דא קען מען זאגן אז א מענטש האט דאך ארידזשינעלי געטון מצוות, און יעצט קומט מען צוריק צו די מצוות. ס'איז אינטערעסאנט, איינער וואס האט קיינמאל נישט געטון קיין מצוות וואלט מען אים נישט גערופן "תשובה". מ'דארף טראכטן. עניוועי, פארוואס איז דאס די לשון תשובה? איי, ס'קומט פון די לשון הפסוק, "וישוב מחטאו". ס'קומט פון די לשון הפסוק.

**Speaker 2:** אבער אפשר "וישוב" מיינט עפעס אנדערש. ניין, אפשר בכלל "וישוב" מיינט צוריקגיין פון וואס מ'האט געטון, נישט צוריקגיין צו וואו מ'איז געווען. פארשטייסט? אפשר מיינט עס מלשון... ס'זעט אויס ווי דריי מאל די זעלבע לשון. ס'איז זיכער איין פשט. חרטה האבן. חרטה קען זיין תשובה, אבער דו גייסט צוריק. ער איז חוזר בו ממה שהיה. צוריקגיין צו זיין מצב פון פריער. געדענקסט, מיר האבן געהאט עפעס אין די פריערדיגע פרק, עפעס א לשון "וחוזר"? געדענקסט? "חוזר ל...", "חוזר מ...". דו האסט געזאגט עפעס א הערה. איך געדענק שוין נישט וואו. געדענקסט וואס איך מיין? "חוזר ו...".

**Speaker 1:** איך געדענק נישט. על כל פנים, מ'מוז נישט זאגן אז תשובה קומט פון די תורה. ס'איז אן ענין על פי דרך, דא קומט די תורה. אבער תשובה מיינט דאך דאס, אפצולאזן דעם חטא.

**Speaker 2:** ניין, ער זאגט, "וישוב מחטאו". ער זאגט נישט "וישוב לצדקותו". "וישוב מחטאו". ער זאגט, "כיצד עושה תשובה? וישוב מחטאו". דאס איז די לשון וואס מ'זאל טון תשובה. וואס טייטש "עושה תשובה"? "וישוב מחטאו". איך מיין אז דאס איז די טייטש. למשל, וועז די גמרא זאגט אז אדם הראשון האט געטון די ערשטע תשובה, ער איז געבוירן געווארן און ער איז געווען מכיר את בוראו, געפאלגט, און ער האט עפעס ערגעצוואו געפארטשעט און ער איז צוריקגעגאנגען צו זיין... אבער דארט מיינט עס אויך די זעלבע זאך, און א עבירה, און ער האט חרטה אויף זיין חטא, און ער האט מקבל על עצמו אז ער וועט מער נישט טון די עבירה, תשובה איז מועיל נישט לכאורה. הגם ס'איז דא, יא, שו"ע הרב אין הלכות תלמוד תורה סעיף ה', אקעי, מען דארף וויסן. דא איז די הלכה אז חייב להתוודות, די תשובה זאל זיין מיט אן אופן, אזוי לאמיר עס לערנען, יא.

#### הלכה א (המשך): חיוב וידוי בתשובה

### Speaker 1:

ניין, אבער דאס דארט מיינט אז ער האט אויך די זעלבע זאך, ער האט געטון אן עבירה, ער האט צוריקגעבעקט פון זיין עבירה, ער האט נישט צוריקגעגאנגען צו זיין עבירה. תשובה איז "מ", נישט "ל". דאס איז לכאורה. הגם ס'איז דא, יא, "שובה אלינו לתורתך", אקעי, מ'דארף וויסן.

דא איז די הלכה אז חייב להתוודות, די תשובה זאל זיין מיט אן אופן, אזוי לאמיר עס לערנען יעצט, די שטיקל איז די ראיה פון יענעם תירוץ. רייט, דאס איז וויאזוי דער רמב"ם לערנט עס. וועז מ'טוט תשובה, זאל מען עס טון אויף אן אופן אז מ'זאל מתוודה זיין אויף די עבירה פאר'ן אייבערשטן. שנאמר, וואו שטייט א פסוק? **"איש או אשה כי יעשו מכל חטאת האדם"**, וועז א מענטש, א מאן אדער א פרוי, וועט טון סיי וועלכע עבירה, **"למעול מעל בה'"**, צו מועל זיין בה', סתם מיינט מען דארטן איסור פון מעילה, אבער דער רמב"ם זאגט עס דא אלס א כלליות'דיגע זאך, וועז מ'איז מועל מיינט עס א לשון פון א בגידה, יא, א סארט בגידה אין דעם אייבערשטן. **"ואשמה הנפש ההיא"**, און דער מענטש איז שולדיג אין די עבירה וואס ער האט געטון, איז די מצוה **"והתודו את חטאתם אשר עשו"**, זיין מצוה איז ער זאל זיך מתוודה זיין. **"והתודו את חטאתם אשר עשו"**, זאל ער זיך מתוודה זיין. **"והתודו דברים"**, וואס טייטש דאס ווארט "דברים"? איז דא א וידוי פון נישט דברים? יא, לכאורה די ברענגען די קרבן אליינס. ווייל פשטות מיינט דאך... אה, די קרבן ברענגט א קרבן, און פשטות אז דאס איז א הודאה אז דאס איז געווען מיין חטא. פשטות דארט מיינט דאך דער פסוק אז מ'זאל ברענגען א קרבן, איז וואס הייסט "והתודו"? אז ער ברענגט א קרבן. אבער דער ספרי, ער ברענגט די לשון חז"ל, האבן זיי געלערנט אז וידוי איז אליינס א מצוה, דאס הייסט "והתודו", און ער זאל זיך מתוודה זיין, זאגן וידוי דברים. ער גייט ברענגען, און ער גייט מסביר זיין בעסער.

#### וידוי איז א מצות עשה בפני עצמה

דער רמב"ם, **"וידוי זה מצות עשה"**, די וידוי איז א מצות עשה. אקעי, גוט. דאס איז... דער רמב"ם האט אפסורדיק אין וואס איז די לשון "מצות עשה"? ס'קען זיין אז די ווארט פון די וידוי אביסל אנדערש ווי מ'האט געשמועסט פריער, אז ס'מאכט אים אנטו א מעשה, ווייל ווי דו האסט געזאגט, וועז איז תשובה? וועז ער הייבט אן נאכאמאל לייגן תפילין. דו האסט געזאגט אז ס'איז נישט קיין מצות עשה וואס מ'קען אנטאפן, ווייל וועז ער לייגט תפילין נאכאמאל נאכ'ן נישט לייגן פאר צוויי וואכן, טוט ער זיך יעצט מצות תפילין, ער טוט נישט יעצט מצות תשובה, יא? אבער וועז ער טוט וידוי, שטייט אז יעצט איז מיוחד צייט פאר נאר פאר תשובה אליין. דער רמב"ם אין ספר המצוות ברענגט ער פון חז"ל אז ער לערנט אז דער פסוק מיינט אויף יעדע עבירה, למעלל לרבות, בקיצור, סאמהאו איז ער מרבה, הגם דער פסוק רעדט פון געוויסע זאכן, איז ער מרבה יעדע זאך. דער פסוק איז מרבה, דער פסוק האט געזאגט "מכל חטאות האדם", למעלל אשם, "או נפש", יעדע סארט איז ער מרבה, אז יעדער איינער דארף נאכדעם תשובה טון.

אבער וואס איך זאג איז א גוטע פשט, ווייל ס'איז נישט דווקא נוגע, ווייל ביי א לאו זאל מען וויסן אז ס'איז געווען במעשה. אבער וויסן וויסן, וועז האט דער מענטש מקיים געווען די מצוה? וועז ער האט נאכאמאל אנגעהויבן לייגן תפילין, האט ער זיך געטון תפילין? ער טוט יעצט נישט די מצוה פון תשובה, ער טוט די מצוה פון תפילין. אבער וועז ער איז עוסק אין דעם, וועז ער האט חרטה, די וידוי, דעמאלטס ווייסט ער וואס ער טוט. דעמאלטס איז א מצוה. וועז ער טוט די מצוה, די עיקר פוינט איז, אז אייגנטליך, זאגט דער רמב"ם, "שלא יעלה על הדעת" אז וידוי איז נישט קיין מצוה בפני עצמה, נאר ס'איז פארט פון די דיני קרבנות. מ'קען מיינען, אזוי ווי ער זאגט סמיכה, איז דא

דינים אין קרבנות, איינער פון די דינים איז אז מ'זאגט וידוי. ניין, לערנט ער, ער ברענגט פון חז"ל, אז ניין, וידוי איז אן עקסטרע מצוה, מצות עשה, אז ווען מ'טוט אן עבירה זאל מען תשובה טון. גראדע, ווען מ'ברענגט א קרבן... גראדע, יא. אינטערעסאנט, איך גיי זאגן, אז ווען ס'איז געווען א בית המקדש קיים, איז די צייט צו טון די מצוה פון תשובה געווען ביים קרבן. איך ווייס שוין נישט אויב דווקא ביידע קענען זיין איין זאך. ער גייט זאגן אין די נעקסטע שטיקל, אבער קודם ברענגט ער די מצוה איז וידוי, ס'מיינט קודם דא מוז זיין וידוי. אפשר ווען מ'ברענגט די קרבנות זאגט מען נאכאמאל וידוי. איך ווייס נישט אויב ס'איז די זעלבע וידוי וואס ער ברענגט.

**הלכה ב: נוסח הוידוי**

אקעי. זאגט ער, **"וידוי זה מצות עשה"**, זאגט דער רמב"ם. **"כיצד מתודין? אומרים"**. אבער אויך, ער האט דא געלייגט א דגוש, אז מ'זאגט עס פאר'ן אייבערשטן. און דא נאכאמאל, **"אנא השם"**. ווען איינער זאגט עס נישט פאר'ן אייבערשטן, ווען איינער האט א מורה דרך און ער איז זיך מתוודה צו אים, און ער האט נישט געזען אז ער רעדט יעצט צום אייבערשטן, איז נישט וידוי. זאל מען נישט טראכטן אז וידוי איז סך הכל א פראקטישע זאך אז די תשובה דארף זיין אז א מענטש זאל זיין אפן מיט זיך. אויב א מענטש וואלט נישט געלערנט די רמב"ם, וואלט ער געזאגט פארוואס איז וידוי וויכטיג? א מענטש זאל זיין קלאר אז ער האט געזינדיגט. אויב מ'גייט צו סתם איינער וואס גייט צו עני "הילינג", וועט מען זאגן אז דו דארפסט זיין אפן מיט דיין עבירה וואס דו האסט געטון, דו דארפסט אפילו רעדן וואס דו האסט געטון.

עבירה איז נאר אן עבירה פאר'ן אייבערשטן, איך מיין בין אדם לחבירו וכדומה, אבער דער אמת ווייזט דאך דער אייבערשטער. יא, נאך, איך האב נישט קיין קריגעריי מיט דיר, איך זאג נאר אן הערה. דער רמב"ם זאגט אז די תשובה, די וידוי דארף זיין פאר'ן אייבערשטן. קען אפילו זיין אז די ווארט וידוי איז טייטש. אבער איך האב געטראכט אז וידוי איז א פראקטישע זאך. ווען א מענטש טראכט, האסט א קינד וואס דו טרייסט צו דערציען, זאג מיר זייער קלאר וואס דו האסט געטון, ווייל א מענטש וועט עס פארענטפערן. בין אדם לחבירו איז דאך א חלק פון בין אדם למקום, אבער אין בין אדם לחבירו איז דאך דא א סארט וידוי. אקעי, א סארט כליות מוסר זענען זיי. אבער ס'איז זייער מעגליך אז ס'איז א וויכטיגע סטעפ אז א מענטש זאל קענען תשובה טון, זאל ער זיין אפען מיט זיך אז ער האט געטון אן עבירה, און ער האט געטון נישט גוט. אבער דער רמב"ם רעדט נישט דווקא פון דעם, ער זאגט אזוי עפעס אן ענין פון איך מוז זאגן פאר'ן אייבערשטן, און דער פארקערטער איז דער אייבערשטער.

**די לשון פון וידוי**

אט ליסט אין די פרק דארף מען לערנען, זאגט ער אין הלכות. ס'איז דאך א גוטע שאלה, וויאזוי הייבט ער אן די הלכות תשובה? ער זאגט אזוי, **"אנא השם"**. וואס איז די הלכה? ס'איז דאך שוין סדר הוידוי. הלכות וידוי, יא. זאגט דער רמב"ם, ער דארף זאגן **"אנא השם חטאתי עויתי פשעתי לפניך"**. די דריי איז קעגן די דריי, חטאות מעל ואשם אפשר. איך מיין אז ס'איז נישט אזא לשונות, איך מיין אז מען דארף נישט זאגן די אלע לשונות, ער גיבט דיר נאר ארויס. איך טראכט, אפשר איז עס קאנעקטעד מיט די... ווען די פסוק שטייט דריי לשונות פון חטא. יא, אקעי, די פסוק האט אויך געברענגט די לשונות. אקעי, מענטשן לערנען פשט. וואס איז חטאתי עויתי פשעתי? ער מיינט אז מען דארף ארויסברענגען, און שפעטער גייט דער רמב"ם זאגן אז מען דארף ארויסזאגן די עבירות וואס מען האט געטון.

**"ועתה נחמתי ובושתי במעשי"**, איך האב חרטה און איך שעם זיך מיט מיינע מעשים. ס'מיינט נישט אז דו דארפסט זיך אסאך שעמען, די ווארט איז אז ער האלט נישט דערפון מער, ס'איז א וועג אים ארויסצוברענגען. אה, דאס איז אלעס לשונות פון פסוקים, די "נחמתי" שטייט "כי נחמתי", און יא, דאס איז אלעס לשונות פון פסוקים. און ווייטער וואס דארף ער זאגן? **"ולעולם איני חוזר לדבר זה"**, איך גיי מער קיינמאל נישט נאכאמאל טון די עבירה.

**עיקרו של וידוי**

זאגט דער רמב"ם, **"וזהו עיקרו של וידוי"**. דאס איז די עיקר? דארפסט זאגן די אלע לשונות, און אויב דו זאגסט נישט איז נישט קיין וידוי? דאס איז די טייטש פון די ווארט וידוי. ער זאגט דיר וואס איז די טייטש. וידוי טייטשט אז דו האסט געטון? ניין, די עיקר וידוי דארף זיין סיי אז איך האב עס געטון, סיי אז איך שעם זיך דערמיט אדער איך וויל מער נישט, און איך גיי עס מער נישט טון. דריי זאכן שטייט אין די וידוי.

זאגט דער רמב"ם, **"כל המרבה להתוודות ומאריך בענין זה הרי זה משובח"**. מרבה להתוודות מיינט וואס? ארויסברענגען מער די דעטאלן פון די עבירות וואס מ'האט געטון? אדער פאקוסן אויף די אנדערע ווערטער?

וואס ברענגט ער ארויס? מ'קוקט אין סידור, זעט מען אז ס'איז דא אלע מיני לשונות פון וידוי, דא לענגערע אין יום כיפור, די גאנצע "על חטא".

**דיסקוסיע: וואס מיינט "כל המרבה"?**

## Speaker 2:

ס'איז דא די זאך פון נישט צופיל... דער רמב"ם מיינט די גמרא פון נישט זאגן צופיל חטא?

## Speaker 1:

ניין, ווי איז דא אזא זאך? ניין, די גמרא איז קעגן... ניין, ניין, ניין. די פרטי החטא איז א שאלה וואס דער רמב"ם רעדט וועגן דעם. דער רמב"ם רעדט נישט דערוועגן יעצט. וואס ער רעדט איז, מפארט מיינט צו זאגן, איך פיל זיך אזוי שלעכט, און איך באדויער אזוי שטארק אז איך... מיט די אנדערע ווערטער פון "העויתי, פשעתי", וואטעווער, אלע ווערטער. איך זע נישט... די שאלה איז אויף אלעס, צו מ'זאל פאקוסן אויף די "עשיתי כך וכך". נישט קיין חילוק. די פוינט איז נאר... אבער די "עשיתי כך וכך" איז דא ווייל מ'זאל נישט. דו קענסט זען, דאס איז הלכות תשובה דארט, אויב איך געדענק, ער פסק'נט אז יא, מ'זאל מפרט זיין די חטא. מ'דארף קוקן אינעווייניג.

אבער זיין פוינט איז נאר לכאורה, אזוי ווי ס'איז ביי יציאת מצרים, רייט? זיין פוינט איז לכאורה נאר, זאלסט נישט מיינען אז אויב ס'איז אליין גענוג צו זאגן וידוי אין סידור, אז יענץ איז מעכב. עיקר וידוי, וואס איז מעכב? די פארט פון וידוי איז נאר, "איך האב געזינדיגט, איך וויל עס מער נישט טון." בעיסיקלי, דאס איז טייטש וידוי. אבער ער ברענגט יא ארויס אז מאריך זיין מער אין דעם איז בעסער. ס'איז משובח. ס'איז נישט אינדיפערענט, ס'איז ווערט בעסער און בעסער.

## Speaker 2:

יא, יא, אבער די פוינט, איך מיין אז די פוינט פון די הלכה איז נישט צו זאגן אז מ'זאל דאס טון. די פוינט איז מער ארויסצוברענגען וואס איז עיקר תשובה. דער רמב"ם וויל זייער שטארק מאכן קלאר וואס איז דער עיקר טייטש וידוי. איך מיין אז דאס איז וואס איך האב געלערנט. "הרי זה משובח" ווילסטו זאגן איז מגונה?

## Speaker 1:

יא, ס'איז משובח. אבער משובח מיינט צו זאגן, "דאס איז א שיינע זאך, אבער ס'איז נישט די עיקר." איך זאג אז די עיקר וואס ער זאגט איז אז דאס איז נישט די עיקר. און הנאה, אמאל, אזוי ווי מ'האט אנגערירט אז וידוי קען העלפן, אקעי, אז איינער איז מער מאריך, ער גייט אריין מער אין דעם. דו קענסט אויך, ביי די ווערטער, מ'קען אויך מאריך זיין אין די ווארט "השם". וואס מיינט צו זאגן דאס ווארט "השם"? יא, דו קענסט די חסיד'ישע זאכן, מ'דארף פארשטיין ווער דער אייבערשטער איז וואס מ'זינדיגט צו אים, וכו'. מ'קען מאריך זיין אין יעדער נקודה פונעם וידוי, אין די לשונות פון וידוי וואס אונז האבן. יא, "ואני עבדך בן אמתך", איז ער מאריך וועגן ווי גרויס דער אייבערשטער איז און ווי קליין מענטשן זענען. ס'איז דא אלע מיני זאכן וואס מ'קען מאריך זיין, אבער ס'איז נישט די עיקר, ס'איז נישט די מצוה, ס'איז נישט די גדר דערפון.

לכאורה די איבריגע איז תפילה, ס'איז נישט תשובה בכלל. ווידוי איז די חטאתי תפילה, סך הכל. וואס איז ווידוי? איך מיין אז ס'איז דא א פירסום קשיא דא, אז אין קיין איין ווידוי וואס שטייט אין אונזער סידור, כמעט, נאר אין אי��נס צוויי נוסחאות, שטייט נישט דער נוסח פון "לעולם איני חוזר לדבר זה". אבער איך מיין אז דער רמב"ם מיינט נישט צו זאגן אז מ'דארף זאגן דעם לשון, מ'דארף עס ארויסגעבן. וואס איך וויל, ס'איז פשוט אז איינער זאגט ווידוי "חטאתי", און ער מיינט צו זאגן "ווי עכטע אוי", דאס איז נישט קיין ווידוי. די ווארט איז, ער גיט ארויס די גדר, וואס האט נישט קיין אנדערע מקור פאר תשובה נאר פון דאס. מוז זיין אז אין די גדר פון ווידוי ליגט די עיקר זאך, פונקטליך די נוסח. איך האב שוין אן אנדערע נוסח.

## Speaker 2:

געננוי, אזוי ווי "לעולם איני חוזר לדבר זה" איז שוין מער א תפילה, איך בעט דעם באשעפער, העלף מאכן אז ס'זאל מער נישט זיין קיין "חוזר".

## Speaker 1:

געננוי, אזוי שטארק די לשון, "ולא ישוב לחטאו עוד".

## Speaker 2:

"ולא ישוב לחטאו עוד", יא. אבער די פוינט איז אז דאס איז דאך בערך אגב. אפילו ווען איינער זאגט שוין "חטאתי", די נאר די ווארט "חטאתי", דאס שטייט אין די גמרא אז מ'זאגט "חטאתי" איז מען שוין יוצא ווידוי. ווייל אין דעם האסטו אינקלודעד דאס. וואס מיינט "חטאתי"? "חטאתי" און איך בין העפי און איך בין פראוד? דאס איז דאך נישט די טייטש. דאס איז דאך די טייטש, "נחמתי, לעולם איני חוזר". דאס איז דאך די טייטש. ווען איינער זאגט, וואס, איך האב געטון ווייל איך האב געהאט א גרויסן יצר הרע? דאס איז די חטא.

#### הלכה ג: ווידוי ביי קרבנות

דער רמב"ם איז ממשיך ווייטער, "וכן..."

## Speaker 2:

אה, סאו דאס איז די...

## Speaker 1:

דאס איז די עיקר ווידוי. דאס איז די רמב"ם. אויף דעם גייט ער אריין אין פרטים פון חטא, וואס אויף דעם איז דא ווידוי, און וויאזוי דער רמב"ם... ער וועט בעיקר ארויסברענגען, **"וכן בעלי חטאות ואשמות בשעה שמביאין קרבנותיהן על שגגתן או על זדונן, אין מתכפר להן בקרבנם עד שיעשו תשובה ויתודו וידוי דברים"**.

## Speaker 2:

אה, סאו דאס איז תשובה און ווידוי דברים זענען גייען צוזאמען מיט תשובה.

## Speaker 1:

אה, **"עד שיעשו תשובה ויתודו וידוי דברים"**, איך מיין אז...

## Speaker 2:

סאו דאס איז ווייטער, ער דארף האבן סיי די קרבן און סיי תשובה ווידוי דברים.

## Speaker 1:

וואלט מען געזען אז חלק פון די כפרה איז די קרבן.

**"שנאמר 'והתודה אשר חטא עליה'"**, דאס איז א פסוק אין פרשת...

## Speaker 2:

ער זאל זאגן א ווידוי אויף דאס וואס ער האט געזינדיגט.

## Speaker 1:

דאס איז א פסוק אין פרשת ויקרא ברענגט ער אויף אן אשם, מיין איך. "והתוודה", שטייט. לערנט מען פון דעם אז נישט נאר... אה, אן אנדערע וועג וואלט געקענט מיינען אז דאס איז נאר זאגן ווידוי דברים. אה, די וואך איז ויקרא.

איך האב נאכנישט געלערנט, איך ווייס נישט, איך האב נאכנישט געטון.

אנדערע האבן אויסגעקענט מיינען אז דאס וואס מ'דארף זאגן ווידוי דברים, דאס איז בשעת וואס מ'האט נישט קיין בית המקדש, נישט קיין קרבנות, אבער די עבירה מאכט מיר ווידוי. זאגט ער ניין, פארקערט, ווידוי איז מעיקר, אפילו ווען מ'ברענגט יא א קרבן דארף מען תשובה טון און זאגן ווידוי.

#### הלכה ד: ווידוי ביי חייבי מיתות בית דין

די זעלבע זאך איז נישט נאר א קרבן, נאר אנדערע עונשי מיתות. **"וכן כל חייבי מיתות בית דין"...**

#### הלכה א (המשך): ווידוי איז מעכב אפילו ביי קרבנות און עונשים

## Speaker 1:

איך האב נאך נישט געלערנט, איך ווייס נישט וואס מ'האט געשמועסט היינט. א צווייטער וועט אפשר קענען מיינען אז דאס אז מ'דארף זאגן ווידוי דברים, דאס איז בשעת וואס ס'איז נישט דא קיין בית המקדש, נישט דא קיין קרבנות, איז דער עובד מאכט מיט ווידוי. זאגט ער ניין, פארקערט, ווידוי איז מעכב אפילו ווען מ'ברענגט יא א קרבן, דארף מען תשובה טון און זאגן ווידוי.

די זעלבע זאך, נישט נאר א קרבן, נאר אנדערע עונשים אויכעט. **וכן כל חייבי מיתות בית דין וחייבי מלקות.** ער מיינט דיר צו זאגן, אגב, מ'טוט דאך נאך א גרויסע זאך, מ'טוט דאך די זאך פון די קרבן, אדער מ'באקומט די עונש פאר תשובה. סאו וואס פעלט נאך אויס ווידוי? ניין, די קרבן אדער די עונש איז נישט גענוג. נאר **חייבי מיתות בית דין וחייבי מלקות, אינן מתכפר להם במיתתן ובמלקותן**, זיי באקומען נישט קיין כפרה, **עד שיעשו תשובה ויתוודו**, ביז ער טוט תשובה און ווידוי. דאס איז אויך די משנה.

#### קשיא: וואס טוט אויף די ווידוי ביי מיתת בית דין?

יא, אבער וואס דו האסט איז א משנה אין סנהדרין וואס שטייט דארט, כל המומתים מתוודים. און לכאורה די ווארט איז די זעלבע זאך. איך וויל אז דו זאלסט דאס אביסל פארשטיין, ווייל לכאורה, די תורה זאגט אז מ'באקומט אן עבירה, באקומט מען אן עונש. פשט איז די עונש, דאס איז, מיט דעם קומט מען אפ די עבירה, ניין? וואס איז די פשט אז מ'דארף אויך זאגן ווידוי? וואס טוט אויף די ווידוי? למשל, א מענטש מיתת בית דין, ער שטארבט, ער איז טויט יעצט. איך מיין, ער באקומט די גרעסטע עונש. וואס איז די טייטש אז ער דארף נאך זאגן ווידוי אויכעט?

מ'דארף פארשטיין וואס טייטש כפרה אין דעם פאל. כפרה נאכדעם וואס ער איז געשטארבן איז... יא, אדרבה, זיין נשמה גייט נישט אין גיהנם, וואטעווער, וואס א חילוק, ער גייט נישט אין... דאס פארשטיי איך. אבער וואס טייטש אז ער דארף מתוודה זיין? וואס טייטש בכלל, ווען פאר ער האלט ביים שטארבן, ער זאגט "איך גיי מער קיינמאל נישט זינדיגן"? אקעי, ער גייט נישט זינדיגן ווען ער גייט זיין טויט. יא, ס'איז שווער צו זינדיגן ווען מ'איז טויט. מ'קען נישט וויסן.

#### תירוץ: ווידוי ווייזט אמת'ע חרטה

לכאורה, אפשר די ווארט איז אז... ער קען מחליט זיין בעל כרחו, ער האלט נאך אלץ ביים טון די עבירות. נעבעך, ער האט נישט קיין אנדערע. די ווידוי זאגט אז ער וויל טאקע ווערן בעסער, ער האלט טאקע אז ער האט געמאכט א טעות. ס'איז אזוי, ס'איז נישט קלאר. סאו מ'דארף טראכטן כאילו, קענסט זאגן אז... כפרה באקומט מען פאר ווידוי, פאר תשובה. ס'איז דא מיני עבירות וואס א חלק פון די תשובה איז אויך א קרבן, אדער אויך מיתה, אדער אויך עונש. אזוי גייט מען זען לכאורה ביי די הלכות יום הכיפורים אין די נעקסטע צווייטע העלפט פון די פרק. אבער ס'איז אנדערע ווערטער.

אקעי, דאס איז די עיקר וואס קומט דא ארויס. איך פארשטיי נישט אזוי גוט וואס די גמרא זאגט אז די ווידוי וואס ער זאגט דער וואס איז ממומת איז וואס ער זאגט "תהא מיתתי כפרה על כל עונותי". נאר וואס דעמאלטס איז די

נסתר, איך פארשטיי נישט. אבער לכאורה וואס דער רמב"ם וויל ארויסברענגען איז מ'זאל נישט מיינען אז מ'קען זיך ארויסדרייען אן תשובה, אן וידוי. אפילו מיתה דארף וידוי, אפילו א קרבן דארף וידוי. דאס איז לכאורה די עיקר.

**הלכה א (המשך): בין אדם לחבירו**

זאגט דער רמב"ם ווייטער, "וכן", אבער יעצט רעדט מען לגבי בין אדם לחבירו, איז אויך דא וידוי. נישט נאר פאר'ן אייבערשטן, נאר אויך פאר די מענטש צו וועם ער האט געזינדיגט. **וכן עבירות שבין אדם לחבירו, כגון החובל בחבירו או המזיק ממונו, אף על פי ששילם לו מה שהוא חייב לו**, ער האט שוין געפיקסט, ער האט שוין תשובה געטון פאר דעם מענטש, **אינו מתכפר לו עד שיתוודה**, ביז ער זאגט וידוי, **וישוב מלעשות כזה לעולם**, און ער גייט חרטה האבן, תשובה טון, פון טון נאכאמאל אזא עולה, אזא חובל אדער מזיק. **שנאמר, 'מכל חטאות האדם'**, וואס דאס מיינט בין אדם לחבירו'דיגע חטאות. איך מיין אז "חטאות האדם" איז טייטש אזוי ווי מענטשליכע, יא, חטא לאדם. אזוי ווי די מדרש תהלים זאגט "חטא אדם לאדם".

**הלכה ב — שעיר המשתלח**

זייער גוט. זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"שעיר המשתלח"**, ס'איז דא נאך א מין קרבן, וואס איז א סארט כפרה. זאגט ער, **"שעיר המשתלח לפי שהוא כפרה לכל ישראל"**, ער ברענגט דא נאך א וועג וויאזוי מ'זעט אז ווען ס'איז דא כפרה, איז נישט אזא זאך אז א כפרה ארבעט אנשטאט וידוי, נאר כפרה מוז ארבעטן מיט וידוי. זאגט ער, "שעיר המשתלח" איז דאך א כפרה פאר כלל ישראל בכלליות, דעריבער דארף אויך זיין א וידוי בכלליות. **כהן גדול מתוודה עליו על לשון כל ישראל**, ער נוצט די לשון "כל ישראל", ער איז זיך מתוודה בשם כל ישראל.

**קשיא: וויאזוי ארבעט תשובה בשם כלל ישראל?**

און מ'רעדט אויסער דעם וואס יעדער מענטש דארף אליין תשובה טון, איז דאך ודאי דא א זאך וואס איז א עבודה וואס כלל ישראל טוט. מ'דארף טראכטן וויאזוי דאס ארבעט, ווייל ווידער, איך פארשטיי אז עס איז נישט קיין חלק פון תשובה, וויאזוי ארבעט די תשובה בשם כלל ישראל? לכאורה ווען מ'וועט פארשטיין וויאזוי עס ארבעט כפרה בכלל ישראל, וועט מען פארשטיין וויאזוי עס ארבעט די שעיר המשתלח.

**דער שעיר המשתלח'ס פסיכאלאגישע ווירקונג — קיין יאוש איז נישטא**

יעצט גייט מען לערנען, און די נעקסטע זאך גייט אפשר פארענטפערן די קשיא, גייט דער רמב"ם אין די רעשט פון די פרק, יא, דאס איז די רעשט פון די פרק, מער ווייניגער זאגן וויאזוי פונקטליך ארבעט די כפרה, עס הייסט חלוקי כפרה, און ער גייט אנהייבן פון שעיר המשתלח.

ס'קען זיין, איך טראכט, אפשר למשל שעיר המשתלח, דער רמב"ם גייט זאגן אז ס'איז דא זאכן וואס שעיר המשתלח איז מכפר אן תשובה, אויף עבירות קלות. ס'קען זיין אז ער מיינט אז אליין איז עס א שווערע זאך. ס'קען זיין אז ער מיינט, איך טראכט צו זאגן מיין פשט, אפשר וועלן מיר זען אין א מינוט אין די נעקסטע סעיף, אבער וואס איך טראכט אז ער מיינט, אז אמאל, ס'איז דאך דא א מענטש האט געטון אן עבירה ולא נודע, ער ווייסט דאך אלץ נישט אז ער האט געזינדיגט. ער איז געווען תמים און ער איז געגאנגען אין בית המקדש, אדער אזעלכע סארט זאכן. זאגט ער, דער מענטש אליינס קען נישט תשובה טון, ער קען גלייבן זיך מן הסתם אויף דעם פגם, אויף די חטא וואס דער מענטש האט געטון. און וויאזוי העלפט עס? קודם כל, עס העלפט ווייל מ'גלייבט אז עס העלפט, דאס איז שוין א זאך וואס העלפט. אויב מ'וויל זאגן דוקא פסיכאלאגיש, איז דאס אז מ'זאגט פאר מענטשן אום יום כיפור, דער שעיר המשתלח איז מכפר אויף יעדן, פילט ער זיך בעסער און ער הייבט אן צו ווערן בעסער. א גרויסע זאך וואס מענטשן זענען נישט גוט איז ווייל ער האט א חטא, ווייל ער האט נעכטן געזינדיגט, ער האט שוין א יאוש, ער איז פארפאלן, ער איז א יאוש'ניק. און די אמונה פון שעיר המשתלח קען זיין העלפט. איך מיין אז דער רמב"ם אליין איז נישט ממש די לשון, ער איז מער חסידיש ווי איך זאג עס, אבער איך מורא אז ער גייט א גאנצע פרק וועגן שעיר המשתלח און מאכט די גאנצע שאלה, מ'ווארפט עס אראפ, און וואס דער רמב"ם פוינט דא, דער רמב"ם זאגט דאך אז ס'איז אזוויוי א כח הדמיון, און וואס ווייזט מען? מ'איז מעורר די מענטש צו זען אז קיין יאוש איז נישטא, כל עבירות שבבית ישראל, ס'איז זייער שטארק משכנע די מענטש צו גלייבן אין די כפרה. אזוויוי די לשון הפסוק איז "שובו אלי כי גאלתיכו", ווייל א מענטש וויל נישט צוריקגיין צו די אייבערשטער ווייל ער פילט זיך אזוי פארשמירט פון חטא, ס'איז א יאוש, זאגט די אייבערשטער, "קום צוריק, ווייל איך האב דיך שוין אויסגעלייזט פון דיין חטא, איך האב דיך שוין מוחל געווען".

**הלכה ו — חלוקי כפרה: שעיר המשתלח מיט און אן תשובה**

יעצט וועלן מיר לערנען, שעיר המשתלח, זאגט דער רמב"ם, די שעיר וואס מ'ווארפט אראפ פון די וואס מ'פירט אין מדבר, ס'איז דאך דארט צוויי שעירים, די שעיר וואס מ'איז משתלח איז באקאנט אז עס שטייט אין די תורה אז ס'איז מכפר, און עס שטייט אין די משנה, **מכפר על כל עבירות שבתורה, הקלות והחמורות**, ס'איז מכפר אויף קלות וחמורות. דארף מען פארשטיין, ווייל בעצם רעדט מען דאך אויסער דעם וואס יעדער מענטש דארף אליין תשובה טון, און אליין טון קיין פורים. אויב לכאורה גייט מען זען, ער גייט אויך דער רמב"ם, דער רמב"ם גייט זאגן, ער גייט זאגן, אונז גיי מיר נישט זען, לאמיר אנקומען ביז אין די נעקסטע אסיפה וועט מען אנקומען. קודם לאמיר גיין לערנען הלכות תשובה. תשובה איז מכפר אויף אלע עבירות, סיי א קליינע עבירה, סיי א גרויסע עבירה. בין אדם לחבירו וואס דארף מען טון? בין אדם לחבירו, יא, עד שירצה את חבירו, דער מענטש איז געוואר געווארן פון די חטא, בין אדם לחבירו, ער איז נישט אווער דערפון. חטאים איז מכפר אויף תשובה משתלייך. זאגט דער רמב"ם, וואס דאס טוסטו וויסן וואס דאס טייטש קלות וחמורות? איך מיין אז דער רמב"ם גייט אליין זאגן, רייט? און מיין הקלות. זיי גייען אקעי, גייט. אקעי, ווי? אסר תשובה? אבער אם לא עשה תשובה? אויב ער האט ער נישט געטון תשובה? **אין שעיר מכפר לו כלל א קלות.** ער איז... אן תשובה, איז דער שעיר נאר מכפר אויף קלות. דער רמב"ם גייט שוין מסביר זיין. און מיין א קלות, און מיין א חמורות... מען דארף דאך נישט וויסן, יא, ביז געצט ער איז נישט געווען א גאייה, ווייל מען א קלות ווייל חמורות, אלע, אבער יעצט איז נאך יא דא א חילוק, אויף. א זיי אין א קלות ווייל מיין א חמורות. א חמורות, אינו עבירת שכם עליה מיותות בדנאי קרת... ס'איז דער דארט מען תשובה טון אז ער ווערן צו פריער געזאגט אז די ימ éste ife'ס וועזן אליין, אדער די קרת העלפט נישט אן תשובה. עד וועט שבועות שא, וואך שקר. שבועות שא מיינט א שבועה וואס עס איז אים זינס, למשל וואב איינער זאגט ער אויף עפעס, ער מאכט א שבועה אויף עפעס וואס איז גאלד, און עס איז אווויסלי גאלד, ס'איז נישט אויסגעפינקט, און שקר מיינט אז זיינער שווער אז ער גייט עפעס טון און ער טוט עס נישט אזא סארט זאך. איז אפי שאין בקרות רייבן און חמורות. א גאמ, שבועות איז א זייער חמודיגע זאך, אפילו עס איז נישטא אויף דעם קיין קרית. אזוי ווער יוצא מ'הן א כלל פון דער כלל, וואס בעצם וויאזוי ווייסט מען אז זאך איז חמוד? מען ווייסט אז מען באקומט קרית. אויסער שבועות שקר. אמאל, יא, ביז איר ווייסט מען פאר שטעצל. לענקא השם, עס איז א קסוק. וואס וואס טאקע מיר זאגן קיין קרית? ווייס איך ווייס איך ווי שעמט אזוי מינוט. איין בוי מעשה? עפעס אזוי. פקרית שטייט נישט מעשה אויף מלטא. ניין, ער זאגט אז א שבועה איז נאר א דיבור, אפשר וועגן דעם איז עס אייניגע... פארוואס איז הארט אויף שטייער? עס איז לא נקא השם, עס איז ישירת השם, שמודא השם. מעניצט זיך דער אייבערשטער זלם אויף שקר. דאס איז די ערגסטע זאך. זייער ניצט דער אייבערשטער פאר זיין שקר. אבער שאיין מצות, **לא תעשה שאין בהם כרת, זה רייין א קלות**, דאס זענען די גרינגערע עבירות. פאר דעם העלפט יא די שעיר המשתלח. סאו בעיסיקלי, איינער האט נישט געלייגט תפילין איין טאג, אדער ער האט, איך ווייס וועלכע עבירה, ער האט געגעסן עפעס א זאך וואס האט נישט קיין כרת, נישט חלב, אבער ער האט געגעסן ווײלע. איז, עס קומט יום כיפור, דער שעיר המשתלח, אויס, אפילו ער האט

נישט תשובה געטאן, יא? איז זייער גוט. אויב ער האט געטאן א כרת, ער האט געמאכט אויף א בולקע אין א נדר, ער האט געגעסן חלב, אזא זאך, דעמאלט דארף ער תשובה טאן. דעמאלט העלפט דער שעיר המשתלח אויך מכפר זיין, אבער דעמאלט דארף ער תשובה טאן.

**הלכה ח — בזמן הזה אן בית המקדש**

יא, היינט וואס ס'איז נישטא קיין בית המקדש איז א פראבלעם. סאו זאגט דער רמב"ם, **"ומה שעבירות שאין בהם כרת, אם עשה אדם תשובה, אין תשובתו גמורה עד שיתוודה ביום הכיפורים"**. סאו היינט, וואס מיר האבן נישט די שעיר המשתלח, איז אונזער תשובה איז נישט גמור ביז מיר זענען מתוודה ביום הכיפורים.

סאו זאגט דער רמב"ם, **"אבל עבירות שיש בהן כרת ומיתות בית דין, וכן השעיר המשתלח, אין מכפרין אלא עם התשובה"**. סאו די אלע זאכן האבן מכפר געווען אויף אלע עבירות. סאו וואס האסטו אויפגעטאן מיט'ן שעיר המשתלח דעמאלט? ס'איז געווען אן תשובה. אויף א קלות, דאס דארף מען תשובה טאן? אויף קלות האט עס געהאלפן אפילו בלא תשובה, דער שעיר המשתלח.

**דער רמב"ם'ס חידוש — תשובה איז דער עיקר**

זייער גוט. פרעג איך דיך, סאו דאס איז דער רמב"ם, אז תשובה מכפרת על כל עבירות. דאס איז פשוט, וואס איז דא חידוש געווען? איך מיין אפילו אן שעיר המשתלח, דעמאלט האט מען אויך געדארפט תשובה. און וואס טוט זיך היינטיגע צייטן אויף יום כיפור, אויב מ'דארף תשובה טאן עניוועיס? לאמיר זאגן, אפילו רשות. אקעי.

דער פוינט איז, קודם וואס צו וויסן, איך מיין אז דער רמב"ם וויל ארויסברענגען, ווייל מענטשן ווייסן דאס נישט. מענטשן וואלטן געמיינט אז דו זעעסט דאך אז ס'איז דא די אלע סדר העבודה, ס'איז דא קרבנות, וכו' וכו' וכו'. מיינט א מענטש אז היינט וואס ס'איז נישטא קיין בית המקדש איז א שוואכע מעשה, ס'איז זייער שווער, מ'קען נישט מקריב זיין קיין קרבנות. אביסל אנדערש, אז היינט איז נישטא קיין קרבנות, וואס איז יום כיפור? יום כיפור איז יעדער מענטש אויף זיין אייגענע עבודה. אבער דעמאלט איז געווען, יעדער האט געקוקט אויף די כהן גדול. וואס איז געווען יום כיפור? א טאג פון קרבנות, פון כהן גדול.

מ'קוקט אויף די פארענטשעס. זאגט דער רמב"ם א חידוש, זאלסט נישט מיינען אז ווייל ס'איז נאר אן עבודה וואס דער גוי איז נישט

**הלכה א (המשך): תשובה מכפרת על הכל, ועצמו של יום הכיפורים**

**"ואפילו רשע כל ימיו ועשה תשובה באחרונה אין מזכירין לו שום רשעו"**

## Speaker 1:

מענטשן וואלטן געמיינט אז דו זעעסט דאך אז ס'איז דא די אלע סדרים, ובאתי, ס'איז דא קרבנות, וכו' וכו' וכו'. מיינט א מענטש אז היינט איז נישטא קיין בית המקדש, איז א שוואכע מעשה, ס'איז זייער שווער. מ'קען נישט, דער אייבערשטער איז נישטא, קיין קרבנות. איך וואלט געזאגט אביסל אנדערש, אז היינט איז נישט דא קיין קרבנות, וואס איז יום כיפור? יום כיפור איז יעדער מענטש אויף זיין אייגענע עבודה. אבער דעמאלטס איז געווען, יעדער האט געקוקט אויף די כהן גדול. וואס איז געווען יום כיפור? א טאג פון קרבנות, פון כהן גדול, מ'שטייט דארט ביי די ברענטשעס.

זאגט דער רמב"ם א חידוש, זאלסט נישט מיינען אז ווייל ס'איז נישטא קיין בית המקדש, איז עס אינגאנצן אן ענין וואס א מענטש זאל אליין טון עבודה, די עבודה פון תשובה. די לשון "תשובה מכפרת" רעדט נישט פון יום כיפור נאכנישט, ער רעדט פון באופן כללי. אזוי גייט ער ארויספירן, אפילו רשע. תשובה רעדט פון אלעס. נאר דו וועסט געמיינט אז מ'דארף האבן די עבודות, וואס רייסטו דא? טאקע נישט, מ'דארף נישט. תשובה אליינס העלפט שוין אויף אלעס.

זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"ואפילו רשע כל ימיו ועשה תשובה באחרונה"**, דאס איז וואס ער זאגט יעצט, אז תשובה איז מכפר אויף אלע עבירות. זאגט ער, אזוי ווייט איז די ארבעט, אזוי שטארק פאורפול איז תשובה, אז אפילו א מענטש איז געווען א רשע כל ימיו, אבער ער האט געטון תשובה באחרונה, ביים סוף האט ער געטון תשובה, **"אין מזכירין לו שם רשעו"**. מ'דערמאנט אים נישט שם, מ'דערמאנט אים נישט זיין רשעות. יא, מ'רופט אים נישט קיין רשע.

דו זעעסט אז ער האט די נאמען רשע? מיינט נאך, יא. שנאמר, אדער אפשר "שום", "אין מזכירין לו שום" מיינט אין בית דין? ס'איז דא גרסאות וועגן דעם. "שם רשעו". מ'מיינט אז מ'דערמאנט אים נישט. ניין, די אמת, "מזכירין" איז לכאורה א שארפע לשון. ס'שטייט נישט אז מ'זאגט ער איז א בעל תשובה, מ'דערמאנט אים בכלל נישט בתור רשע. ער קומט אין הימל, וואטעווער ס'איז, מ'רעדט בכלל נישט פון אים אז ער איז אמאל געווען אן עבריין. ניינציג יאר האט ער געזינדיגט, איין טאג האט ער תשובה געטון? קיין נישט, ברוך הבא, צדיק הדור. יא.

אזוי ווי ס'שטייט א פסוק, **"ורשעת הרשע לא יכשל בה ביום שובו מרשעו"**. נארמאלערהייט, א מענטש ווערט נכשל מיט זיין רשעות, ס'האלט אים אין איין איבערטראן זיין רשעות. אבער איינמאל א מענטש האט תשובה געטאן אויף זיין רשעות, וועט ער נישט נאכאמאל נכשל ווערן אין זיין רשעות. דא טייטשט דער רמב"ם אז ער גייט נישט נכשל ווערן, און ס'איז א טעות צו טייטשן אז מ'גייט אים נישט מבייש זיין, מ'גייט אים נישט דערמאנען דאס איז זיין רשעות. אהה.

נו, גוט.

## Speaker 2:

ווען?

**"ועצמו של יום הכיפורים מכפר לשבים"**

## Speaker 1:

אזוי זאגט דער רמב"ם ווייטער, **"ועצמו של יום הכיפורים מכפר לשבים"**. דער עצם, דער כח, דער עצם כח פון יום כיפור, דער יום כיפור אליין...

## Speaker 2:

דער טאג אליין.

## Speaker 1:

דער טאג אליין, אה, דער עצומו של יום, דער טאג אליין פון יום כיפור, מכפר, איז מכפר פאר די וואס טוען שוין תשובה, שנאמר **"כי ביום הזה יכפר עליכם"**.

**דיון: צי עצמו של יום הכיפורים איז מכפר אן תשובה אויף עבירות קלות?**

## Speaker 2:

לכאורה דארף מען פארשטיין, איך וואלט געזאגט אז די תשובה אליין העלפט דאך. איך מיין, דאס גייט ער מסביר זיין אין די נעקסטע זאך, פארוואס פעלט נאך אויס יום כיפור בנוסף צו תשובה? ווייל ס'איז דא געוויסע עבירות וואס אויף דעם וועט תשובה נישט העלפן, און איך דארף מען נאך האבן יום כיפור?

## Speaker 1:

איך מיין אז אמת'דיג עצומו של יום הכיפורים, ווייל דער גאנצער מקור פון עצומו של יום הכיפורים איז אז יום כיפור איז מכפר אפילו אן א תשובה, אזוי ווי ס'שטייט, ער ברענגט דעם לשון ספרא, **"כי ביום הזה יכפר"**, לערנט מען אז "כי ביום הזה" אפילו אן די כוונות איז דער יום אליין מכפר. אויב איז עס נישט אזוי אז דער יום הזה אליין איז מכפר אזוי ווי די שור המועד, איך ווייס נישט, איך ארבעט נישט די דרשות. איך מיין אז אמת'דיג, איך זאג אנדערש ווי ס'שטייט אין לשון הרמב"ם, איך מאך א קולא, אבער איך האלט אז אמת'דיג עצומו של יום הכיפורים איז מכפר אויף עבירות קלות אפילו אן תשובה. אזוי איז משמע אזוי קומט מען ארויס פונעם רמב"ם.

## Speaker 2:

אבער דער רמב"ם זאגט דאך "לשבים".

### Speaker 1:

ער מיינט צו זאגן מ'זאל תשובה טון, לכתחילה זאל מען נישט תשובה טון, לכתחילה זאל מען תשובה טון. אבער וואס מיינט "מכפר לשבים"? "לשבים" איז תשובה מכפר עניוועי.

### Speaker 2:

אבער ער מיינט צו זאגן ווייטער אז ס'איז מכפר פאר די זאכן וואס תשובה אליין וואלט נישט געהאלפן, אזוי ווי ער גייט זאגן כריתות ומיתות בית דין.

### Speaker 1:

דארט איז אלעס די זעלבע הלכה, דאס איז די וועג ווי ער קלערט, כריתות ומיתות בית דין... אבער ס'שטימט דאך נישט. כריתות ומיתות בית דין איז דאך עבירות חמורות וואס מ'האט געדארפט אלעמאל תשובה טון, רייט? די גאנצע מעלה פון שעיר המשתלח איז געווען אויף די עבירות קלות. דו זאגסט עבירות קלות העלפט קלאר תשובה פאר יום כיפור, רייט? ס'שטימט נישט. איך האב שוין געזאגט, איך האב א קליקע פאהר, איך גיי נישט ענטפערן די קשיא.

שטימט? לאמיר זען, לאמיר זען. לאמיר זען וויאזוי ער קומט ארויס. איך קוק נאר אן הלכה א'.

איך קען זיין אז די ווארט איז, אז ווען א מענטש האט גרויסע עבירות, געדענקט ער נישט די קלות. ווען א מענטש האט אויף זיין קאפ שווערע מיתות בית דין און כריתות, ער גייט יעצט געדענקען אז ער האט אויך צו די זייט נישט געוואשן מים אחרונים. אקעי, איך מיין צו זאגן, סאו פארדעם זאגט מען אז ווען ער איז ביזי מיט זיינע חמורות, די קלות נעמט אים יום כיפור אליין אראפ, אדער די שעיר המשתלח אליין אראפ.

### Speaker 2:

אבער נאכאמאל, די שעיר המשתלח איז מכפר אויף קלות אפילו ער טוט תשובה אויף גארנישט. ער לערנט, ער גייט אדורך יום כיפור און ער טוט גארנישט. ער איז דעמאלט נישט מתבונן אויף די עבירות חמורות. יא, דו זאגסט די פשטים, איך בין מסכים, איך בין נישט מחולק מיט דיר. אבער ער האט נישט קיין כח צו קומען אנצוטראכטן אין די קלות. וועגן דעם, דאס שטייט נישט אז מיר דארפן תשובה טון אויף די חמורות, טאקע צו ארבעטן אין די תשובה אויף די קלות.

### Speaker 1:

אקעי, סאו איך מיין אז עצמו של יום כיפור, דער רמב"ם ווען ער זאגט "לשבים", מיינט ער נאר, ווייל ס'איז דא א חולק אויף אים, רבי, האט ער געזאגט אזוי. ער מיינט צו זאגן אז מען זאל תשובה טון, אבער ער מיינט נישט אז ס'איז נישט מכפר אויף עבירות קלות אן תשובה. איך מיין אז ס'קומט טאקע ארויס פון דער רמב"ם דער חשבון, אז יום כיפור איז מכפר אויף עבירות קלות אפילו אן תשובה. איך ווייס אז ס'שטימט נישט אזוי גוט מיט די אנדערע פסקי הלכה, אבער איך מיין אז ס'מוז זיין אזוי. אויב נישט איז נישטא קיין פוינט אויף עצמו של יום כיפור, נאר ס'גייט פאר עבירות חמורות. סאו איך מיין אז ס'ווענדט זיך אזוי.

#### צוויי וועגן אפצולערנען "כי ביום הזה יכפר עליכם"

### Speaker 2:

קומט די שאלה איז, וויאזוי לערנט מען עס ארויס פון די ווארט **"כי ביום הזה יכפר עליכם"**? אזוי ווי דו זאגסט שטימט עס. "כי ביום הזה יכפר עליכם" מיינט אז די טאג איז מכפר. אבער דער וואס לערנט אן אנדערע פשט אין רמב"ם, אז "כי ביום הזה יכפר עליכם" איז נאר ווען מיט תשובה, וויאזוי ברענגט מען א ראיה?

### Speaker 1:

ער זאגט, **"כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו"**. א סגולה פאר די וואס האבן זיך מתגבר געווען פאר'ן אייבערשטן, פאר די וואס האבן געטון תשובה. "לפני ה' תטהרו" מיינט מען זאל תשובה טון. אין די אנפאנג פסוק זאגט מען "כי ביום הזה יכפר עליכם" פאר די וואס גייען תשובה טון. דאס איז די צוויי וועגן וויאזוי אפצולערנען די שטיקל רמב"ם, אויב מען וויל דווקא טרעפן א מקור אז מען דארף תשובה טון.

#### "לשבים" מיינט "פאר אידן" – עצמו של יום כיפור איז א ריסעט

### Speaker 1:

אבער די אמת איז דאך פשוט. די אמת איז אזוי ווי מיר האבן גערעדט פריער, אז די גאנצע פוינט פון די אלע יום כיפור, פון די אלע זאכן, איז כדי צו מעורר זיין די מענטשן אז מען קען תשובה טון. און דאס איז שוין אליינס א געוויסע תשובה. מיר רעדן נישט פון עבירות קלות, ס'איז דאך פשוט. מיר רעדן נישט פון דעם. איך זאג אז ס'איז מכפר אן תשובה, פשוט אז מיר רעדן נישט פון איינער וואס האלט נישט בכלל ביים ווערן בעסער. אה, סאו דאס איז אז עצמו של יום כיפור איז אויך נאר פאר איינער וואס איז א פארט פון יום כיפור, וואס פראוועט א יום כיפור.

אבער לכאורה דאס שטייט נישט די ווארט "עצמו של יום כיפור". "עצמו של יום כיפור" מיינט די טאג אליין. ווען ער זאגט אז ס'איז מכפר "לשבים", דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט. וואס מיינט נישט אז ער טוט תשובה אויף די עבירה, נאר פאר איינער וואס איז א חלק פון יום כיפור.

### Speaker 2:

יא, יעדער איד איז א חלק. יא, פיינסט, whatever. ס'מאכט נישט אזוי סך סענס, ווייל א חלק פון תשובה איז דאך אויך א פראקטישע זאך, ווייל ווען נישט ער טוט תשובה הייבט ער נישט אן... רייט. לאזט ער נישט אן זיינע עבירות.

### Speaker 1:

ס'שטייט מיר ווייטער. אין כיפור איז א צייט וואס אפילו אויב ער לאזט נישט אן די ספעציפישע עבירה תשובה צו טון דערפון, אבער עס איז דאך א ריסעט. ס'איז א טאג, א ריסטארט וואס מ'גייט פארגעבן די עבירות. ס'איז אן אנדערע ווערטער... ס'איז אן ווערטל אז שובו קען טייטשן שובו פאר אידן. דאס הייסט איינער, למשל, ווייל ס'מאכט זיך תשובה טון. ס'איז אן די די זעלבע השפעה אויף די נפש ווי עס זאגן די תשובה. אמער'דיג. עניוועיס, יא, תשובה, מ'האט זיך שוין תשובה געטון. לאמיר דאר פארשטיין, מ'האט זיך שוין תשובה געטון. לאזט זיך נישט שם. נאר וואס. נאר אלס פילט א מענטש, ער פילט זיך שמוציג. ער פילט נאך אלס ווייערדיג. וואס יום כיפור זאגט, ווייסט וואס, ביסט שוין גריין, קענסטו ווערן צליק א צדיק.

איך זע, איך מיין אז ס'איז ארבעט. איך מיין אז יעדע יאר יום כיפור ווערן מענטשן בעסער. נאר וועגן מייז זיי גלייבן אז יום כיפור העלפט. איי, יעצט שטעט איך נאר דארף שיבה טון. ער האט איך נישט שיבה געטון. איז נישט א פוינט. מעכאפן איך נישט שבו. יא, עס איז פשוט. איך וויל קיין אמאל א מצווה.

#### עצמו של יום כיפור – דער מצוה פון נישט ארבעטן

עס איז אויך נישט קיין שלעכטע פשט, אז דאס משה ביסמיק טשוקיים איז לאו דווקא אויסקומען פאר א מענטש צו האבן די צייט פון נישט געווערקען קיין ענטערל עבודה, וואס עס איז קיין עבודה וואס דא אין כיפור טוט, וואס דער כהן גארדל טוט. האט איך דא תפלה, עס איז דא א מענטש מתבונג, עס איז א חלק פון די טאג אומענטל ביזו מיט זיך אליין. אבער דעם האבן געהאלפן די... רוב מענטשן טוען דעס נישט. רוב מענטשן, מ'גייט אין שול, מען פייסט, טאן רבי'ס. אה, וואס איז פאר. מ'חלפל, מ'זאגט אזוי פיל, און מ'זאגט אזוי פיל, און מ'זאגט אזוי שטילישע מנסורי. יא, זייער גוט.

אבער איך וויל אין מדריך זאלן, אקעי, דאס איז נישט קיין שול, רבי יום כיפור, אבער עס איז דער מצוה דערפאר וואס מ'מבער דצהאלט נישט צו טון. מען דארף נישט מאכן קיין עבודה פדימיעס. יעצט משהו על מקפירא, מעכאפע, און מעכאפע, און מען נישט שבון מיינט פאר אידן. ס'פשוט, אזוי... יום כיפור איז דא. נאר, אויף ווען ס'גליבט נישט דערין, דער יום וועיסט נישט כאפ. אזוי שטייט נער אמאל, ער ברענגט אריין מלכות

לשקוגות. אויב איינער זאגט, עס איז נישט מאכאפע, מען דארף נישט אידן, און דעמאלטס העלפט עס צאקע נישט. ווייל עס העלפט נישט. אדער וועפט עס העלפט נישט כתב אשים אויף פאר די זעלבע סיבה, ווייל ער פשט אז ער נעמט נישט שוין עמד. אייער גרופט דארף נעמד ערנס. שום, זאג דערהיים מיין ווייטער.

#### ירושלמי — יום כיפור איז מכפר א גאנצע יאר

יעצט גייען מיר זאגן די הלכה פון חילוקי כפרה. וועלכע מענטשן ווערן מכופר אויף וועלכע זאכן.

דער ירושלמי זאגט אז יום כיפור איז מכפר אין יום כיפור, עצם יום כיפור איז מכפר א גאנצע יאר. אקעי, לאמיר גיין ווייטער. עצומו של יום. עצומו של יום איז דאך דא אזא טאג יום כיפור אין די יאר, אמת. יא, אבער ס'איז דאך דא א יום כיפור, ס'איז נישט היינט האט ער נישט קיין פאוער יום כיפור. ער איז ווייטער אין א זייט, ער איז שטיל. ער איז דאך דארט. ס'איז דאך אלע... אקעי, שיין. אקעי, מיר קענען אויך זאגן אז דער שעיר המשתלח איז מכפר היינט, ער איז אויך דארטן ערגעץ וואו אין פריזן אין די טויזנטער. זייער גוט. זייער גוט.

#### הלכה ט — הקדמה צו חילוקי כפרה

**"אף על פי שהתשובה מכפרת על הכל... יש עבירות שמתכפרות בשעתן ויש עבירות שאין מתכפרות אלא לאחר זמן"**

## Speaker 1:

מיר גייען מיר לערנען חילוקי כפרות. על כל פנים, זאגט דער רמב"ם, יא. זאגט דער רמב"ם, **אף על פי שתשובה מכפרת על הכל**, אזוווי מיר האבן געזאגט אז תשובה מכפרת על כל העבירות, ווי, **ועצמו של יום הכיפורים** איז אויך מכפר, ס'איז אויך א מין תשובה, אזוווי דו האסט געזאגט, ס'איז עפעס דא, יא? אקעי. זאגט ער, אבער **יש עבירות שמתכפרות בשעתן**, אבער דאך דא עבירות וואס ווערן מכופר גלייך בשעת וועו מ'טוט די תשובה. **ויש עבירות שאין מתכפרות**, די עבירות ווערן נישט... איך מיין, כפרה, די פשוט'ע טייטש איז אפווישן, יא? אזוווי... ער זאגט רש"י, יא. כיפר... ניין, ס'שטימט דא זייער גוט, די עבירה ווערט נישט אפגעווישט. ס'איז נאך אלץ דא עפעס א פרעזענס דערפון, א נאכוויי דערפון. די עבירה גייט נישט אינגאנצן אוועק, **אלא לאחר זמן**.

#### מאירי — כפרה איז א פראקטישע אויסלייטערונג

**כיצד?** דער רמב"ם איז מסביר. ס'איז דאך דא דער מאירי, מענטשן וואס גייען מער בדרך פון דעם רמב"ם וואס ווילן מסביר זיין מיט שכל, האט ער געזאגט דאס אזוווי דו זאגסט, אז די אלע זאכן, די כפרות, מאכן דעם מענטש... ער ווערט טאקע מער אויסגעלייטערט. ס'איז נישט סתם אז אין הימל ווערט עפעס א מעדזשיק. ס'איז אזוווי דו זאגסט אז ער איז נאך אלץ מער געלוינט, ער איז נאך אלץ קרוב צו די עבירה. למעשה, ער האט גענומען א החלטה, ער האט זיך דורכגעפאלן. ס'גייט דורך צייט, און די יום כיפור, די יסורים, ווערט ער טאקע מער אויסגעלייטערט. ס'איז נישט סתם אז אין הימל ווערט עפעס א מעדזשיק.

#### מצות עשה שאין בה כרת — מכפר מיד

זאגט דער רמב"ם, **כיצד? עבר אדם על מצות עשה שאין בה כרת**, וואס איז דא תשובה? **אינו זז משם**, אינטערעסאנטע לשון, **עד שמוחלין לו מיד**. ס'שטייט דאך גלייך, גלייך ווען ער טוט די תשובה, און דא קומט ער צו די מחילה, די כפרה. **באלו נאמר, "שובו בנים שובבים ארפא משובותיכם"**. דאס הייסט גארנישט. ארפא, אה, די רגע וואס תשובה, ארפא. ארפא מיינט די כפרה דא. די אנדערע וועט זיין אז א איד איז אויפגעשטאנען שפעט אין קריאת שמע צייט, ער זאגט, "מארגן וועל איך אויפשטיין פרי", און יעצט גיי איך צוריק. ער קען אים זאגן, "און וואס איז מיט דיר? דו דארפסט טאקע מארגן אויפשטיין פרי?" איך רעד נישט וואס דער רבי מיינט.

#### מצות לא תעשה שאין בה כרת — תשובה תולה ויום הכיפורים מכפר

**עבירות און מצוות לא תעשה שאין בה כרת**, וואס איז בזמן הזה וואס איז תשובה? ווייל עס איז הארבער ווי מצוות עשה. אנדערש, רייט? **איז תשובה תולה, און יום הכיפורים מכפר.** די תשובה תולה, ס'האט א השפעה, אבער ס'מעקט נאך נישט אויס די די... ס'האט

#### הלכה י: מצוות לא תעשה שאין בהן כרת ומיתת בית דין

## Speaker 1:

איז לאמיר זאגן אז ארץ איז די זינד, און שמים איז די כפרה. תולה, מ'הענגט צווישן די צוויי. יא, תלוי ועומד. תלוי, וואס מיינט תלוי? ס'איז נישט אזוי... ס'איז נישט קיין מחוסר כפרה? ס'איז עפעס... ס'איז מחוסר כפרה, מ'איז געבליבן הענגען. ס'איז נאך נישט קלאר.

אקעי. דער פני מנחם זאגט אז תלויים ועומדים מיינט אז מ'הענגט אזוי אויפ'ן שטרענג. אקעי, whatever, נייס.

"ואלו נאמר", ער זאגט, **"על אלו נאמר 'כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו'"**. אויף דעם איז דער פסוק געזאגט, אז די עצם היום טוט עפעס אויף. ס'טוט אויף אויף די מצוות לא תעשה. אז אויף דעם איז דער פסוק געזאגט. **"כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו"**, אז נאכדעם וואס מ'האט תשובה געטון, העלפט דער טאג, דער טאג, לטהר אתכם. ס'איז מכפר און מטהר. די עבירות וואס דו האסט שוין געטון, אבער דו דארפסט נאך עפעס א מער טהרה, דער טאג מאכט די טהרה מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו.

#### חידוש: צוויי לעוועלס אין די קלות

סאו די חילוק, כפרה איז אנדערש פון פריער. פריער האבן מיר געלערנט נאך חומרות און קלות. דא איז שוין דא צוויי לעוועלס אין די קלות, רייט? ווייל די מצוות עשה און מצוות לא תעשה. מצוות לא תעשה, אפילו זיי זענען קלות, אז מ'האט נישט קיין כרת און נישט קיין מיתת בית דין, דארף מען ווארטן אויף יום כיפור. יום כיפור איז די... יא.

#### הלכה יא — כריתות ומיתות בית דין

## Speaker 1:

אבער וואס טוט זיך אויף עבירות וואס האבן כריתות און מיתות בית דין? דאס איז דאך עבירות וואס דא איז דא כריתות, אזוי ווי אסאך לאווין און אויך עשה'ס וואס האט כריתות און מיתות בית דין. עשה'ס, נאר די צוויי וואס האבן כרת, מילה, פסח און מילה. אבער מיתות בית דין איז דא אויף... ניין, מיתות בית דין איז דא אויף... מיתות בית דין איז דא אויף... מיתות בית דין איז דא אויף שבת, פילע. יא, יא.

**"ועשה תשובה, איז תשובה ויום הכיפורים תולין".** אפילו יום כיפור צוזאמען מיט די תשובה, נאך אלץ תולין. תשובה מאכט תולין, און יום כיפור מאכט נאך מער תולין. וואס יום כיפור האט אויך עפעס אן השפעה דערויף? ווייל **ייסורים הבאים עליו גומרין לו את הכפרה.** ייסורים וואס קומען אויף א מענטש, וועלכע ייסורים?

#### דיסקוסיע: וואס מיינען "ייסורים"?

## Speaker 1:

דאס וואס טוט אים ווי אז ער האט געזינדיגט. אדער ייסורים אויף די וועלט. פייכע דמי ייסורים שטייט שוין אין די גמרא.

## Speaker 2:

ניין, איך זאג די חסיד'ישע זאך אז די ייסורים אז דאס אז ער האט געזינדיגט.

## Speaker 1:

ניין, דאס איז א חסיד'ישע זאך. אבער אויך די ייסורים איז נישט קיין פראבלעם. די גאנצע וועלט איז מלא ייסורים. וויאזוי דו זאגסט, מ'דארף ווארטן ביז ייסורים, דאס איז נישט קיין פראבלעם. דאס וואס דו זאגסט למשל וויאזוי דער מהר"ל וואלט עס ווען געלערנט, וואלסטו אויך געזאגט אז ייסורים קלאפט אפ א מענטש, און ער נעמט אראפ נאך אביסל פון די גאוה, וואס דאס העלפט אים תשובה צו טון. ס'טוישט אים, ס'טוישט אים. ס'קלאפט א מענטש, ער ווערט נישט בייז. יא, ער ווערט בעסער.

#### חידוש: די חמישה עינויים פון יום כיפור אלס ייסורים

### Speaker 1:

אבער דעריבער דארף מעןווארטן ביז יום כיפור. מ'דארף מאכן איינמאל א יאר, חוץ לויט מאן דאמר, פשטות אז אין יום כיפור איז אלעמאל דא. אבער ייסורים איז אלעמאל דא. איך וואלט וועלן געזאגט אז יעדער יום כיפור איז דא ייסורים, יא? ס'איז דא חמישה עינויים. ברענג מיר גלייך, מ'מאכט דאך אזוי, מ'דארף נישט ווארטן אויף נאך יום כיפור. מ'לייגט זיך שוין אין די זעלבע ייסורים.

**בעל התניא'ס שיטה וועגן תעניות**

### Speaker 1:

דער בעל התניא אין אגרת התשובה האט אן אריכות, ער האט א קשיא פון א יוד, דער יוד פרעגט א קשיא אז די ראשונים האבן געזאגט אז מ'טוט תשובה דארף מען פאסטן, און ס'איז א גאנצע זאך געווען. און דער יוד זאגט ער פארשטייט נישט, ווי שטייט אין די שולחן ערוך אז מ'דארף פאסטן? ס'איז נישטא אזא הלכה נאך תשובה.

האט דער בעל התניא געזאגט אז דער פשט איז אז דאס וואס מ'גייט מען פאסט איז כדי צו טון די עבירות וואס דארפן ייסורים. ניין, כדי צו טון די עבירות וואס דארפן ייסורים כדי צו גומר זיין די כפרה. קען א מענטש אליין נישט פאסטן יום כיפור, ער קען פאסטן סתם א תענית ציבור וואס שטייט אין די עבירות.

אבער ס'וואלט געווען זייער גוט צו זאגן אז די ייסורים פון יום כיפור זענען די גומר כפרה. יא, אבער ער זאגט אז מ'געדענקט נישט דא. מ'שטייט אויף די פיס, מ'האט די שיך, דאס איז דאך ייסורים. דאס איז ייסורים. ס'טוט דיר שוין וויי, און דו קרעכצט. גומרין לו את הכפרה.

און דאס איז וואס דער תניא זאגט וועגן דעם וואס מ'מאכט סיגופים, ווייל מ'מאכט זיך אליין צו ייסורים. אנדערע זאגן אז ס'העלפט נישט, ווייל מ'מאכט זיך אליין צו ייסורים, און מ'זאגט... מ'מאכט זיך נישט אליין, די ייסורים קומט דאך פון ירושלים. זאג דיר אריין א וויטאג...

**פירוש "תולה" — א פראצעס וואס איז נישט פארטיג**

### Speaker 1:

לעולם אין מתכפר אלא בכפרה גמורה, אלא תשובה ויום הכיפורים. דאס הייסט, דו זעסט אז יסורים העלפט כפרה, איז א וויכטיגע תנאי, און פאר כריתות ומיתות בית דין העלפט נישט די תשובה אליין. ס'איז תולה, תולה אליין איז עפעס א האלב וועגס. **עד שיבואו עליו יסורים, ובהם נגמרת כפרתו, ופקדתי בשבט פשעם.** כלומר, פוקד זיין, דאס הייסט, כלומר, נאך משלם זיין זייער חטא. דאס הייסט, אפילו נאכדעם וואס זיי האבן שוין געטון געוויסע תשובה, גיי איך זיי נאך פוקד זיין, גיי איך ברענגען אויף זיי שבט ונגעים, גיי איך ברענגען יסורים, וואס דאס וועט אוועקנעמען די איבריגע ביסל פון די פשעם, פון די עון.

**דיסקוסיע: קען מען לערנען אז ס'רעדט פון אן תשובה?**

### Speaker 2:

אינטערעסאנט, פון יענע פסוק האט מען געקענט לערנען אז ס'מיינט ער האט נישט תשובה געטון. דאס הייסט, איך גיי... אבער דער רמב"ם גייט דאך נישט די שיטה אז אן תשובה העלפט גארנישט. אפילו מיתת בית דין העלפט נישט.

### Speaker 1:

אבער די שאלה איז, וואס טוט זיך ווען ס'וואלט נישט געווען יום כיפור, ווען ס'וואלט נאר געווען א תשובה און יסורים? וואלט עס נישט געהאלפן אויף כריתות ומיתות בית דין?

### Speaker 2:

איך מיין אז... איך טראכט אז תולה, דו זאגסט אז תולה מיינט אז ס'ווארט אביסל כפרה. קען זיין תולה מיינט אזוויי דו זאגסט, מחוסר כפרה. דאס הייסט, מיר דארפן האבן... ס'איז א תנאי, ס'פעלט מיר אויס א תנאי אין די תשובה.

### Speaker 1:

ניין, איך מיין נישט אז ס'טוט עפעס. דאס הייסט, די תשובה דארף איך האבן, אבער די תשובה האט נישט געענדיגט. ס'איז תולה. ער האט נאך זיין תשובה, די תשובה גייט נישט אוועק, ס'פארלירט זיך נישט די תשובה. ס'ליגט דא די תשובה. די תשובה ענדיגט זיך ביי יסורים. ס'איז אן ענין וואס געשעט דעמאלטס.

**דיסקוסיע: פארוואס ברענגט דער אייבערשטער ייסורים אן תשובה?**

### Speaker 2:

איך פארשטיי נישט, דער אייבערשטער ברענגט... איך וועל פרעגן א שאלה. דער אייבערשטער געט דאך יסורים פאר א מענטש ווען ער זינדיגט, יא? ס'איז חמור און נישט בייסיק. אבער אויב ער טוט נישט תשובה, העלפט נישט די יסורים. פארוואס מאכט ער אים די יסורים דעמאלטס? עפעס מכפר זיין אביסל? אדער אפשר דאס אליין העלפט אפילו אן תשובה? די יסורים ענדיגן אביסל...

**דיסכוסיע: וואס טוט זיך ווען ס'איז שלא כסדרן?**

### Speaker 2:

און מ'קען זיך פרעגן אנדערש, וואס טוט זיך ווען ס'איז שלא כסדרן? למשל, ווען ער האט יום כיפור, און ער טוט נאכדעם תשובה, און נאכדעם האט ער יסורים. אדער ער האט יסורים, און נאכדעם טוט ער תשובה. האט ער דאך ווייטער... ס'מוז נישט זיין אז ס'איז דא א געוויסע סדר.

### Speaker 1:

ס'קען זיין אז די יסורים אליין קען דאך ברענגען צו תשובה. אדער איז דא עפעס א מין תשובה וואס די יסורים ברענגען, עפעס א מין חרטה.

### Speaker 2:

אמת.

**הלכה יב — חילול השם**

### Speaker 1:

איז דאס איז דער רמב"ם ווייטער, מביא ראיה, און דאס איז וואס מיר האבן געזאגט אז תשובה מיט יום כיפור, אדער אפילו צוזאמען מיט יסורים, העלפט. איז געזאגט געווארן **"משלא יחלל את שם ה' בעת שובו"**, אז ווען ער איז עובד עבודה זרה, איז נישט געווען קיין ענין פון חילול השם. אה, למחלל השם, אבער רוב איז געווען מיט דעם חילול השם, און וואס חילול השם איז האט דער רמב"ם שוין פריער מסביר געווען. אז אנדערע מענטשן זענען זיין... ס'איז א סארט מחטיא את הרבים א זאך. יעדע חילול השם איז א סארט מחטיא את הרבים.

**דיסקוסיע: וועלכע חילול השם רעדט זיך?**

### Speaker 2:

נישט קלאר וועלכע חילול השם ס'רעדט זיך וועגן. אפשר מיינט ער אז א אדם גדול טוט אן עבירה און אנדערע מענטשן לערנען זיך אפ דערפון.

### Speaker 1:

אקעי. **"עבר על שבת ויום הכיפורים ועמד בתשובתו"**. אינטערעסאנטע לשון. **"עבר על שבת ויום הכיפורים ועמד בתשובתו"**. אינטערעסאנטע זאך. ס'זעט אויס נישט אזוי ווי איך האב געזאגט אז דער סדר איז נישט מעכב. ס'זעט אויס אז די... ניין, ער מיינט צו זאגן... ניין, דא מיינט ער צו זאגן, אפילו ער האט באקומען יום כיפור און ער האט באקומען יסורים, און נאך אלץ...

**"אחד מחלל השם, אף על פי שעשה תשובה, והגיע יום הכיפורים והוא עומד בתשובתו, ובאו עליו יסורין, אינו מתכפר לו כפרה גמורה עד שימות"**. ווי לאנג ער לעבט נאך דא אויף אים, האלט מען נאך אויף אים די חטא. **"אלא תשובה ויום הכיפורים ויסורין, שלשתן תולין, ומיתה מכפרת, שנאמר 'ונגלה באזני ה' צבאות אם יכופר העון הזה לכם עד**

**תמותון**". אזוי ווי דער אייבערשטער איז עדות אז וואס? אז ביז ווען ער גייט שטארבן וועט מען נישט אינגאנצן מכפר זיין די עבירה.

**דיסקוסיע: פירוש "ונגלה באזני ה'"**

### Speaker 2:

ניין, דאכט זיך מיר, "ונגלה" מיינט אפשר עפעס אנדערש פון פריער. ס'הייסט, אז מענטשן טוען געוויסע עבירות, און דער אייבערשטער זעט, דער אייבערשטער ווייסט, און דער אייבערשטער זאגט, "איך וועל דיר נישט מוחל זיין ביז דו שטארבסט". ס'מיינט אז א מענטש זאל נישט זיין רואיג, ער זאל אייביג געדענקען די עבירה.

### Speaker 1:

לגבי וואס איז דאס נוגע? ער איז חייב מיתה, אפשר מיינט ער אז ער גייט שטארבן. ער שטארבט צום סוף מיאוס'ערהייט. ווען נישט דעם וואלט ער נישט געשטארבן? אלע מענטשן שטארבן וועגן דעם ביסל חילול השם וואס זיי האבן געמאכט?

### Speaker 2:

אלע מענטשן שטארבן. קודם כל, יא, ווייל אדם הראשון האט געמאכט א חילול השם, וועגן דעם שטארבן אלע מענטשן. אבער חוץ פון דעם... ניין, אבער ווען מיר דארפן וויסן, לגבי וואס איז דאס נוגע?

**דיסקוסיע: וואס מיינט "מיתה מכפרת"?**

### Speaker 1:

איך מיין, דער אייבערשטער אליין... איך מיין אז מיתה מיינט צו זאגן אז דו ביסט חייב דעם אייבערשטען. אפשר מיינט ער מיתה בתור עונש. מיתה פשוט'ע טייטש. מיתה מיינט... "עד תמותון" מיינט נישט אז ס'גייט נישט בלייבן ביז דו שטארבסט. ס'מיינט צו זאגן דו גייסט שטארבן וועגן דעם. שטארבן פריער, וואטעווער, מיתה משונה, וואטעווער. אזוי מיין איך. פשוט'ע טייטש.

### Speaker 2:

אפשר מיתה איז מכפר אויף די עבירה. אפשר מיתה איז א מין גרעסערע פארעם פון יסורים. דאס באקומען דעמאלטס די גרויסע יסורי מיתה און דאס וועט ברענגען די כפרה.

### Speaker 1:

ס'איז זיכער אז מיתה... וויאזוי וועט מיתה מכפר זיין אויף חילול השם?

### Speaker 2:

איך האב דיר געזאגט... איך וועל דיר פארשטיין. קוק, איך וועל דיר זאגן א פשט. ס'איז מענטשן זאגן דיר, פלוני איז נישט לומד תורה, וואס וועט זיין מיט אים? דאך האבן זיי געזאגט, דו ווייסט אז פלוני איז נישט לומד תורה איז אויך געשטארבן, נו, נו, ער זאגט א מענטש.

### Speaker 1:

אדער אפשר ווען מ'שטארבט זעט מען נאר די מצוות וואס ער האט געטון, זיין אחרי מות קדושים, דאס העלפט.

### Speaker 2:

ס'איז דאך פונקט פארקערט, ווייל דא איז דא א מענטש מיט מצוות, אבער ער וויל אים נישט נאכטון. יענער שטארבט, און יעדע מאל מ'זאגט א הספד אויף יענעם, וועט מען אים נאר נאכאמאל...

**חידוש: דער אייבערשטער איז נישט מוגבל**

### Speaker 1:

איך וועל דיר פארשטיין, די אלע הלכות, מ'איז נישט מגביל דעם אייבערשטן. אויב דער אייבערשטער וויל איינעם מוחל זיין, אים געבן א מתנה און מוחל זיין אן מיתה, אן יסורים, דער אייבערשטער איז דאך נישט... דער אייבערשטער איז נישט מוגבל מיט די שמירת התורה, איך ווייס נישט. ס'מיינט א חוב אויף דעם מענטש. דער מענטש דארף געדענקען אז ער איז נאך נישט געענדיגט מיט דעם חטא, ער דארף נאך...

**חידוש: א מאירי'דיגער וועג — "בשעת נפשו"**

### Speaker 2:

קוק, ווען מיר רעדן שכר ועונש אין הימל... איך זאג דיר, אויב גייסטו מיט די מאירי'דיגע וועג, קענסטו זאגן אז א חילול השם מיינט דאס וואס איז בשעת נפשו. א מענטש זאל וויסן אז אויב ער האט אמאל געטון בשעת נפשו, איז פשט אז ער זאל קיינמאל נישט זיין פארזיכערט אז ער איז שוין געהיילט. ער זאל נאך אייביג האבן עפעס א געוויסע צובראכנקייט, ער זאל אייביג וויסן אז אויב ער איז געווען אין א מצב פון בשעת נפשו, קען ער אייביג צוריקפאלן נאכאמאל צו בשעת נפשו. ס'איז אים א געוויסע לב נשבר פון בעל תשובה.

### Speaker 1:

I don't know, I don't know what does it mean. דאס איז... יא, ס'ברענגט ארויס די חומר הדבר.

**דיסקוסיע: למעשה — וואס קען א מענטש טון?**

### Speaker 2:

וואס איז למען אפשר מיניה? דער אייבערשטער וויל דיר מוחל זיין. איך ווייס נישט פונקטליך וואס ס'מיינט. אפשר דארף ער נאך תשובה טון, ער דארף נאך דאוונען תהלים, whatever, איך ווייס. אקעי, ער דארף וואטשן.

### Speaker 1:

תהלים אליין קען זיין א גרויסע עבירה, אויב ער זאגט תהלים און ער האט חלק לעולם הבא.

### Speaker 2:

ניין, ניין, ס'מיינט נישט געענדיגט.

### Speaker 1:

יא, אקעי. אקעי, אקעי, אקעי. דאס איז די ערשטע פרק. אקעי, איך האב געזען א פרק.